מרדכי שעכטער

# די געוויקסן־וועלט אין ייִדיש

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ
ניו־יאָרק 2005

אילוסטראַציעס פֿון:
אַל. סאָקאָלאָווסקי, באָטאַניק: האַנטביכל פֿאַרם צווייטן קאָנצענטר פֿון אַרבעטשול.
ייִדיש: ל. פּרוסמאַן און י. שטשופּאַק. קיִעוו, 1928.

ISBN # 0–914512–49–8

מײַן משפּחה איז אַ װאַלד פֿון בײמער אַלערלײ:
דער טאַטע – אַ דעמב,
די מאַמע – אַ סאָסנע,
די פֿעטערס זענען אָלשינעס,
די מומעס זענען יאָדלעס,
און מיר, די קינדער – קלאָגנדיקע װערבעס.

י. פּאַפּיערניקאָװ
פֿון זײַן „די זון הינטער מיר“

# אַ וואָרט פֿריִער פֿונעם אַרויסגעבער

מיט גרויס פֿרייד דערלאַנגען מיר דעם לייענער דעם האַנטבוך די געוויקסן־וועלט אין ייִדיש פֿון ד״ר מרדכי שעכטער. דאָס האָט ער אָנגעהויבן צוגרייטן נאָך העט אין די 1960ער יאָרן, נאָר צוליב כּלערליי סיבות האָט עס נישט געקענט פֿריִער אַרויסקומען. די הויפּטטיילן פֿונעם ווערק זענען פֿאַרטיק געוואָרן סוף 1970ער; די אַרײַנפֿירן־טיילן – אין די 1990ער. אַז ד״ר שעכטער האָט, קודם צוליב איבערגעלאָדנקייט און שפּעטער צוליב פֿיזישער שלאַפֿקייט, עס נישט געקענט דערפֿירן צון אַ גמר, איז עס געפֿאַלן אויף אונדז. קומט דעם ייִוואָ אַ שבֿח פֿאַרן גמר; אַ גרעסערער יישר־כּוח קומט דעם הויפּט־מיטאַרבעטער, דוד בראַון (איצט: מאַסאַטשוסעטסער טעכנאָלאָגיע־אינסטיטוט); און דערעיקרשט – דעם צונויפֿשטעלער אַליין.

למען־ידעו: מיר האָבן געלייענט קאָרעקטור פֿון די אַרײַנפֿיר־טיילן (דער הויפּטטייל, דער גלאָסאַר, איז אויסגעפֿאַרטיקט געוואָרן נאָך בימי שרײַבמאַשין און איז שוין לאַנג „פּאָ קאָרעקטורזשע״); און אויף אַלץ אויפֿגעפּאַסט בשעתן דרוקן. מיר האָבן זיך נישט אונטערגענומען צו דערהײַנטיקן דעם טעקסט, וועט דער לייענער זען, אַז טייל פּרטים זענען פֿאַרעלטערט (אָט, למשל, באַדאַנקט דער צונויפֿשטעלער „עם כּל הנערים״ סײַ די וואָס לעבן ביזן הײַנטיקן טאָג, סײַ די, וואָס זענען פֿאַר די לעצטע יאָרן אַוועק פֿון דער וועלט). צוליב טעכנישע סיבות איז דער מקורים־ווײַזער געבליבן אַ נישט־פֿאַרענדיקטער – ער דערגייט בלויז ביז בּית. לאָמיר נאָר דערלעבן אַ צווייטע אויפֿלאַגע, וועלן מיר אַלץ אַרײַננעמען בלי־נדר.

די לייענערס וועלן אויך מוזן האָבן אײַנזעעניש פֿאַר דעם, וואָס די נײַערע חלקים, וואָס מע האָט זיי אויסגעקלאַפּט אויפֿן קאָמפּיוטער, האָבן אַן אַנדער פּנים פֿון די, וואָס מע האָט נאָך געמאַכט אויף דער שרײַבמאַשין. דאָס וועט זיי, דאַכט זיך, גאָר נישט שטערן – זיי דאַרפֿן נאָר געדענקען, למשל, אַז די ווערטער ווו מע האָט אויפֿן קאָמפּיוטער געשריבן מיט קורסיוו האָט מען אויף דער שרײַבמאַשין נאָך געמוזט אונטערשטרײַכן.

איז דער האַנטבוך איצט אַ רשות־הרבים, פֿון אַלע וואָס וועלן אים לייענען. איז מאַכט אַ שהחיינו און לייענט געזונטערהייט!

פֿאַרן ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט – ייִוואָ
ד״ר **הערשל גלעזער**
מאַרץ 2005

# תוכן


אַ וואָרט פֿריִער פֿונעם אַרויסגעבער.......................... 4

**I. אַרײַנפֿיר־טײלן..........................** **7**

1. אַ וואָרט פֿריִער.......................... 8
2. הקדמה.......................... 11
3. אַרײַנפֿיר: וועגן באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע.......................... 14
   א. דער נאָמען פֿון אַ געוויקס.......................... 14
   ב. די צוגעהעריקייט פֿון אַ געוויקס.......................... 15
   ג. אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור..... 16
   ד. פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור און סיסטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע.......................... 25

**II. אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער..........................** **29**

1. ווי זיך צו באַגיין מיט געוויקסן־וועלט אין ייִדיש.......................... 30
2. וועגן דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל ליטײַניש־ענגליש־ייִדיש.......................... 32
3. דער שליסל פֿון פּרט־נעמען.......................... 34
4. דער געאָגראַפֿיש־עטנישער זוכצעטל.......................... 36
5. וועגן געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער.......................... 44
   א. זײַן מהות.......................... 44
   ב. דער סדר.......................... 45
   ג. דער אופֿן פֿאַררופֿן זיך אויף מקורים.......................... 46
   ד. די אָפּשיקן.......................... 47
   ה. קירצונגען און סימבאָלן.......................... 48

**III. שפּראַכיקע אָנווײַזן..........................** **49**

1. דער גראַמאַטישער מין.......................... 50
2. דאָס לשון־רבים.......................... 52
3. דער אַרויסרעד.......................... 54
4. אויסלייג: אָרטאָגראַפֿישע און מאָרפֿאָלאָגישע וואַריאַנטן.......................... 55

**IV. דין־וחשבון פֿונעם צונויפֿשטעלער..........................** **57**

1. אויסגעניצטע מקורים.......................... 58
   א. דאָס גערעדטע ייִדיש.......................... 58
   ב. דאָס געשריבענע ייִדיש.......................... 59
2. אידענטיפֿיציר־פּראָבלעמען .......................... 62
   א. בײַם עטנאָבאָטאַנישן טערמין.......................... 62

ב. בײַם ענגלישן טערמין ........................................ 64
ג. בײַם אינטערנאַציאָנאַלן טערמין ........................................ 64
3. נאָרמיר־פּראָבלעמען ........................................ 67
א. דאָס לשון פֿונעם קאָלאָניסט צי פֿונעם באָטאַניק־
און ייִדיש־לערער ........................................ 67
ב. היקף, סכום און אַנדערע פּראָבלעמען ........................................ 71

**V. סימבאָלן, קירצונגען און מקורים: ביבליאָגראַפֿיע און אינפֿאָרמאַטאָרן, הוספֿות צו דער ביבליאָגראַפֿיע** ........................................ 75

**VI. די מערשפּראַכיקע טייל** ........................................ 157
1. דאָס לײטײַניש־ענגליש־ייִדישע טאַקסאָנאָמישע ווערטערביכל ........................................ 158
2. דער מקורים־ווײַזער א ........................................ 287
דער מקורים־ווײַזער ב ........................................ 339
הוספֿות צו די מקורים־ווײַזערס ........................................ 383
תּיקון־טעות צום מקורים־ווײַזער א ........................................ 384

**VIII. English Section** ........................................ **VII**
1. Preface ........................................ VIII
2. Introduction: Yiddish Botanical Terminology ........................................ XI
3. Guidelines ........................................ XXXVII
4. English Index to the Latin-English-Yiddish Taxonomic Dictionary ........................................ XXXXIV

# ו. אַרײַנפֿיר־טײלן




לופטל.

# 1. אַ וואָרט פֿריִער

צו וואָס האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט די געוויקסן־וועלט אין ייִדיש (דאָ ווײַטער געקירצט: געוועי[1])? ס׳נישט קיין רעטאָרישער פֿרעג. פּשוט: פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר אַנדערע איז כּדאַי קלאָר צו מאַכן דעם תּכלית פֿון אַ טערמינאָלאָגישן האַנטבוך אויף אַזאַ אומגעריכטער טעמע ווי נעמען פֿון געוויקסן אין מאַמע־לשון און אויף אַזאַן אומגעריכטן פֿאַרנעם.

צונויפֿגעשטעלט געוועי האָבן מיר איבער עטלעכע טעמים פּראַקטישע, טעאָרעטישע און פּרינציפּיעלע. אין זינען געהאַט האָבן מיר סײַ ר׳ ישׂראל, סײַ דעם כּלל ישׂראל, סײַ די ייִדישע שפּראַך. לאָמיר זיי נעמען איינציקווײַז. פֿאַרן יחיד – און במילא אויך פֿאַרן כּלל – האָבן מיר דעם האַנטבוך צוגעגרייט כּדי:

1) מע זאָל וויסן ווי אָנצורופֿן אויף מאַמע־לשון אַ געוויקס, וואָס זײַן נישט־ייִדישן נאָמען ווייסט מען יאָ, אָבער דעם ייִדישן האָט מען אָדער פֿאַרגעסן, אָדער קיין מאָל נישט געוווּסט. דאָס איז „אַהער" – פֿון אַן אַנדער לשון צו ייִדיש צו.

2) מיר ווילן אָבער דינען דעם ייִדיש־ניצער אויך „אַהין" – פֿון ייִדיש צון אַן אַנדער לשון, למשל: מע ווייסט דעם ייִדישן נאָמען פֿון אַ געוויקס און מע וויל וויסן, ווי סע הייסט אויף אַן אַנדער לשון, כּדי געוויר צו ווערן פּרטים וועגן דעם געוויקס דורך נאָכקוקן אין אַן ענציקלאָפּעדיע צי אַן אַנדער אײַנקוקבוך אויפֿן שייכדיקן אַנדערן לשון.

דער „אַהין" – פֿון ייִדיש צון אַן אַנדער לשון – גילט נישט נאָר פֿאַר געוויקסן, וואָס מע ווייסט זייער ייִדישן נאָמען. בײַם לייענען ייִדישע ליטעראַטור שטויסט מען זיך אָן אין אַ גוזמא טערמינען, וואָס די טײַטש איז דעם לייענער בדרך־כּלל פֿרעמד. אַ באַסאַראַבער, אַ שטייגער, וועט תּיכּף וויסן די טײַטש פֿון פּאַמען, גאַלדאַנעס, מאַליאַנטשיקל, אָבער אַ גאַליציאַנער, וואָלינער, ליטוואַק, צי פּוילישער וועט בלײַבן שטיין אָפּהענטיק: וואָס איז דאָס? פּונקט אַזוי וועט, כאַפּן מיר אָן, אַ דרום־ייִד נישט וויסן דעם פּשט פֿונעם געוויקסן־נאָמען מײַ (שעכ VIII), סעטענע, גריזענע, שאַלאַמוקסנעס (אין כּלערליי „סאַבעסדיקע" וואַריאַנטן) אינעם לשון פֿון צפֿונדיקע שרײַבערס. ווער ס׳איז נישט י.־י. שוואַרצעס קיין לאַנדסמאַן וועט מסתּם נישט וויסן „מיט וואָס מע עסט" ריבעלעך (אין פֿאַרשיידענע קאַנטן – מיט פֿאַרשיידענע טײַטשן), קרוצקעס, ברוקנעס, בלאָע יאַגדעס, באַלבאַרעסן, וואָס

1) אָבער אין דער ביבליאָגראַפֿיע „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים: ביבליאָגראַפֿיע און אינפֿאָר־מאַטאָרן" און אין „געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער" דאָ ווײַטער באַצייכנט ווי שעכ VI.

אין זײַן פֿאָעמע יונגע יאָרן. רעגיאָנאַלע טערמינען אָדער רעגיאָנאַלע פֿאָנאָלאָגישע וואַריאַנטן זענען דאָך אין מאַמע־לשון דאָ אין די הונדערטער. פֿאַר ס׳רובֿ ייִדיש־רעדערס זענען — לאָמיר נעמען אַ דריט געמעל — איקעס, עכפּל, שיקסע־באַרלעך, נעילה־באַרלעך, כּל־נדרי־באַרלעך, קורעס־באַרלעך, שלאָפֿעפּל/שלאָפֿעפּעלע, שלאָף־קעפּעלע, שרויף־קעפּעלע [שרופֿקעפּאַלע], ווי אויך רוחות־שטעקנס, משוגענע גרײַפּעלעך, שלענדערל, בלינדע בלום, מילעכבלום, פּעכבלימל, קריגעלעך אין דער בחינה פֿון תּרגום־לשון, נישט צו פֿאַרשטיין.

און ס׳איז אַן ענין נישט נאָר פֿון דיאַלעקט, נאָר אויך פֿון סאָציאָלעקט. די געוויקסן־נעמען וואָס אַ ייִדישער קאָלאָניסט, אָדער אַ סאַדאָווניק, אָדער אַ מוכר־תּבֿואהניק ווייסט, וועט דער סתּם ייִד אפֿשר נישט וויסן, פּונקט ווי נאָר דעם מומחה וועט זײַן באַוווּסט די טײַטש פֿון אַרכאַיִשע באָטאַנישע טערמינען. מיט שפּעלט צי קטנית וועט זיך אַן עצה געבן נאָר דער, וואָס ר׳איז געגאַן אין חדר צי ישיבֿה. אַנדערע טערמינען, ווידער, זענען באַוווּסט נאָר דעם, וואָס ר׳איז געגאַן אין אַ וועלטלעכער ייִדישער שול.

געווי איז, הייסט עס, אַ מיטל פֿון שפּראַך־באַרײַכערונג פֿאַר „ר׳ ישׂראל״. דאָ וועט מען קענען געפֿינען די תּשובֿה אויף דער אייביקער שאלה „ווי זאָגט מען אויף ייִדיש?״. אויפֿן פֿרעגער וואַרט דאָ דער תּירוץ אויף הונדערטער טערמינאָלאָגישע קשיות אַ סך מאָל געפֿרעגטע, זעלטן געפֿרעגטע, אפֿשר נאָך כּלל נישט געפֿרעגטע, און אַזוינס וואָס סע וואָלט גרײַלעך גאָר אויף דער מחשבֿה נישט געקומען צו פֿרעגן, ווען נישט — אַ ספּעציעלער אײַנקוקבוך וואָס האָט כּמעט דאָס גאַנצע ווערטערוואַרג צונויפֿגעקליבן פֿונעם בעל־מקשנס וועגן. נישט נאָר אויסברייטערן דעם ווערטער־אוצר פֿונעם יחיד זע׳מיר אויסן, נאָר אויך פֿונעם גאַנצן שפּראַך־ציבור.

יאָ, דורך ר׳ ישׂראלן וועט אויך דער כּלל ישׂראל נהנה זײַן. געווי איז בכּוונה־תּחילה אויסן צו פֿאַרבאַוווּסטיקן גאַנץ „ייִדישלאַנד״ אויפֿן ענין ייִדיש־באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע: זאָל מען וויסן, זאָל מען זיך דערמאָנען, אַז אויף מאַמע־לשון איז עס נישט „טעמייטעס״, „טשעריס״, „אַפּריקאַטס״, „פּיטשעס״, „בלובעריס״, „בלעקבעריס״, „רעזבעריס״, צי ווי זיי הייסן דאָרטן אויף ענגליש, שפּאַניש און אַזוי ווײַטער, נאָר פּאָמידאָרן (צי טאָמאַטן, פּאַראַדײַעס, טרייפֿענע עפּל א״אַ), קאַרשן (צי קערשן), אַפּריקאָסן (צי פּריקאָזן), פֿערעטשקעס (צי פֿערשקעס, פֿאַרזשעכעס) און נאָך און נאָך.

די דעסקריפּטיווע לינגוויסטיק וועט פֿון געווי געווינען אַ כּמעט פֿולן אינווענטאַר פֿונעם ייִדישן עטנאָבאָטאַנישן באַגאַזש, וואָס ר׳איז אַ סך, אַ סך גרעסער ווי מע וואָלט זיך אין פֿלוג געקענט ריכטן. ווען מען וואָלט זיך אַפֿילו געחלומט, אַז אין אונדזער שפּראַכשײַער ליגן אײַנגעשפּײַכלערט — אויב מע רעכנט אויך די רעגיאָנאַלע, היסטאָרישע און סטיליסטישע וואַריאַנטן און סינאָנימען — טויזנטער נעמען פֿון געוויקסן? ווען מיר וואָלטן נישט אויסגעניצט די אַלע מקורים, וואָס מיר האָבן זיך צו זיי דערשלאָגן, ווי וואָלטן מיר געוווּסט, אַז — אַרײַנרעכענענדיק אויך סינאָנימען און וואַריאַנטן — האָבן ייִדישע סאַדאָווניקעס, אַגראָנאָמען, אויפֿסהענדלערס געהאַט אין זייער רשות דעם טערמינאָלאָגישן פֿאַרמעג אָנצורופֿן בײַם נאָמען 189 (!) סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן עפּל, צוועלעף סאָרטן אַרבעס, וכּדומה[2]. נעמט ווי אַ משל באַרן, האָבן מיר: אונגערישע

2) די רשימה האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן האָט, צום באַדויערן, נישט געקענט אַרײַנגיין אין דעם באַנד — ייִוואָ

באַרן, אוסורײַשע באַרן, אילינקע, אינקעבאַרלעך, אָנזוימענדיקע, אָקרענגליצעס, באַבעס, באַבעבאַרן, באָרוויל, בושקעס, בײַביקע באַרלעך, בערגאַמאָטן, בערעס, בערעטשקעס און נאָך און נאָך – אין איינעם 240 (!) האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן (אַרײַנגערעכנט זייערע סינאָנימען און וואַריאַנטן).

די ייִדישע פּאָעטיק, ווידער, וועט אָפּשפּאָרן אַן אַרומנעמיקן סך־הכּל פֿון די באָטאַנישע אימאַזשן, די כּמו־געוויקסן, אי די פּשוט־פֿאָלקישע (פֿראָסטבלומען א״אַ), אי די ליטעראַרישע „געוויקסן" – אין די הונדערטער.

לסוף: דער נאָרמאַטיווער צוגאַנג. כּמעט אַלע ייִדישע פֿילאָלאָגן[3] – פֿון י.־מ. (שיִע־מאָטל) ליפֿשיץ איבער בער באָראָכאָוו, נח פּרילוצקי, אליהו אָלשוואַנגער, נ. שטיף, מ. ווײַנרײַך, ז. רייזען, ז. קלמנאָוויטש, עליע ספּיוואַק אאַז״וו ביזן נאָכחורבנדיקן דור פֿילאָלאָגן (חיים גינינגער, אוריאל ווײַנרײַך און דער שרײַבער פֿון די שורות) – האָבן כּמה־וכּמה מאָל אַרויסגעהויבן דאָס חשיבֿות פֿון דער לעקסישער אויסברייטערונג פֿון מאַמע־לשון: מע זאָל וועגן איטלעכן פֿעלד פֿון מענטשלעכן לעבן און שאַפֿן קענען רעדן און שרײַבן אויף ייִדיש. במילא – אויסברייטערן אונדזער באָטאַנישן וואָקאַבולאַר אויך. נעמען פֿאַר די געוויקסן פֿון מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע פֿאַרמאָגט מאַמע־לשון אַ שלל; סע האָבן אָבער געפֿעלט די טערמינען פֿאַר די געוויקסן פֿון צפֿון־ און דרום־אַמעריקע, ארץ־ישׂראל (חוץ די סאַמע באַוווּסטסטע: מאַראַנצן, לימענעס (און נאָך עטלעכע), ווי אויך די לאָקאַליזמען וואָס מיר דערמאָנען אינעם קאַפּיטעלע „אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע", דאָ ווײַטער), אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע, ד״ה פֿאַר דער פֿלאָרע פֿון די „נײַע" מאַסן־ייִשובֿים. (מיר „באַפֿיסלען" דאָ דאָס וואָרט נײַע, וואָרן דער ייִדיש־רעדנדיקער קיבוץ אין ארץ־ישׂראל איז דאָך שוין העכער פֿינעף הונדערט יאָר אַלט, און ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן לעבן אין צפֿון־אַמעריקע – זינט 1654.)

במילא איז אונדז אויסגעקומען אין גוואַלד צו דערבערענגען צון אַ רעלאַטיוון גמר די אַרבעט, וואָס שיִע־מאָטל ליפֿשיץ האָט אָנגעהויבן אין זײַנע ווערטערביכלעך (מיט אַזוינע נעאָלאָגיזמען ווי שלייפֿגראָז), מענדעלע אין זײַן דער לופֿטבאַלאָן (אײַנגעפֿירט באַאָבאַב), דער קול מבֿשׂר מיט ברויטבוים, וועלינגטאָניע א״אַ – די געאָגראַפֿישע אוניווערסאַליזירונג פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. אין אַ היפּשער צאָל פֿאַלן איז אונדז פֿונדעסטוועגן אויסגעקומען צו פֿאַרפֿולן לעקסישע בלויזן.

אַ כּלל, גוואַלד איז אי אַ דעסקריפּטיווער אײַנקוקבוך, אי אַ נאָרמאַטיווער, אי אַ מיטל פֿון אומדירעקטן שפּראַך־לימוד, אַ שפּראַך־פּעדאַגאָגישער מכשיר פֿאַרן יחיד און פֿאַרן כּלל.

3) מיר האַלטן זיך דאָ דערווײַלע מיטן טראַדיציאָנעלן טערמין **פֿילאָלאָג**, כאָטש הײַנט איז עס – דערעיקרשט אין אַמעריקע – כּמעט אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון **לינגוויסט**.

# 2. הקדמה

ביז ס'האָט זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער שײַן, האָט דאָס איצטיקע אײַנקוקביכל דורכגעמאַכט עטלעכע גילגולים. אָנגעהויבן האָט זיך עס ווי אַן ענגערער פּראָיעקט „נעמען פֿון ביימער און קשאַקעס", וואָס די טעאָרעטישע טייל זײַנע האָט זיך געדרוקט אינעם זשורנאַל ייִדישע שפּראַך (ב' XXVI, 1966, זז' 65־80). האָט אָבער קהל פּראָטעסטירט: וואָס עפּעס נאָר ביימער און קוסטעס? און ווו איז קווייטן? און גאָרטנוואַרג (ספּעציעל די נײַע וואָס אין מיזרח־אייראָפּע האָט מען פֿון זיי נאָך נישט געוווּסט)? און מיר אַליין האָבן צוגעגעבן: נו, און די וואַסערגעוויקסן, וואָס אַ. גאָלאָמב האָט זיי אײַנגעפֿירט אין ייִדיש? און די שוועמלעך? און די רפֿואהדיקע געוויקסן – ווי וועט מען קענען פֿאַרשטיין די ייִדישע פֿאָלקמעדיצינישע ביכלעך און כּתבֿ־ידן, אויב מיר וועלן נישט אויפֿקלערן די טײַטש פֿון די שייכדיקע טערמינען? און ווי קען מען אין דער הײַנטיקער ציוויליזאַציע איגנאָרירן סײַ די אינדוסטריעלע געוויקסן, וואָס די אין ראַטן־פֿאַרבאַנד געדרוקטע ייִדישע טעכנאָלאָגישע, געאָגראַפֿישע און באָטאַנישע ליטעראַטור איז מיט זיי פֿול, סײַ די וואָס זענען צוגעקומען די פֿאַרגאַנגענע עטלעכע צענדליק יאָר? און בכלל די טערמינען וואָס תּלמידים אין די ייִדישע שולן אין מיזרח־אייראָפּע האָבן געלערנט?

אַ כּלל, ס'איז געבליבן אויסצוברייטערן דעם היקף אַזוי, אַז סע זאָל ווערן אַן אַרומנעמיקע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע. איז דאָך גוט, טויג ערשט נישט. ווען די קלײַבסטאַדיע האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז צו אַרומנעמיק – דער אָנגעקליבענער מאַטעריאַל איז געוועזן אַזוי קאָלאָסאַל, דאָס ווערטערוואַרג אַזוי אין־סופֿיק וואַרײַרט, אַז ס'איז אונדז באַפֿאַלן אַן אימה: אין לדבֿר סוף. ווער ווייסט צי דעם צונויפֿשטעלער וועט געראָטן דאָס ווערק צו פֿאַרענדיקן?

איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי כאָטש אַ ביסל אײַנצושמעלערן אונדזער ציל און איבערלאָזן די הונדערטער אָנגעקליבענע איינסן פֿון די שטחים פֿון געוויקסן־מאָרפֿאָלאָגיע, ־אַנאַטאָמיע, ־פֿיזיאָלאָגיע, ־עקאָלאָגיע, ־געאָגראַפֿיע און ־גענעטיק, ווי אויך פֿאַלעאָבאָטאַניק פֿאַר אַ שפּעטערדיקן כּוללדיקן פּראָיעקט: טערמינאָלאָגיע פֿון לעבן־וויסנשאַפֿטן אין ייִדיש. דורך אַרויסלאָזן אָט די שטחים האָבן מיר אין דער לעצטער סטאַדיע זיך באַנוגנט דערעיקרשט מיט די נעמען פֿון געוויקסן, דאָס הייסט סע האָט זיך באַקומען אַ פֿיטאָטאַקסאָנאָמישע טערמינאָלאָגיע אי פֿון אַ דעסקריפּטיוון קוקווינקל, אי פֿון אַ נאָרמאַטיוון.

בעל־מחברשאַפֿט. גוורי האָט טאַקע נאָר איין צונויפֿשטעלער, אָבער פֿאָרט

איז עס אין דער בחינה פֿון אַ קאָלעקטיוו ווערק. סע וואָלט נישט געקענט מקוים ווערן, ווען נישט די צענדליקער צונויפֿשטעלערס פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע און געאָגראַפֿישע לערן־ און לייען־ביכלעך, די פֿאַרטײַטשערס און בעלי־מחברים פֿון נסיעות־אָפּמשלונגען, די טערמינאָלאָגן און לעקסיקאָגראַפֿן, די דיאַלעקטאָלאָגן און זאַמלערס פֿון לאָקאַלער לעקסיק. זיי אַלע האָבן צוגעשטעלט אַ פּלייצע בײַם אויפֿשטעלן די ייִדישע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע. און יענע פּראָזאַיִקערס און פּאָעטן, וואָס זיי האָבן יאָ געזען קאָנקרעטע געוויקסן פֿאַר די אויגן און געשריבן נישט ווי וועגן סתּם „ביימער" און „קווייטן", נאָר זיי אינדיווידואַליזירט. אַ סך פֿון זיי ווערן דערמאָנט דאָ ווײַטער, אין די אַרײַנפֿיר־טיילן און אין דער ביבליאָגראַפֿיע, און ציטירט אין מקורים־ווײַזער.

דירעקט געהאָלפֿן האָבן אונדז קודם־כּל די צענדליקער אינפֿאָרמאַטאָרן, וואָס זיי האָבן בכּבֿוד־גדול געלאָזט פֿון זיך צאַפּן באָטאַנישע נאָמענקלאַטור (די נעמען זייערע זענען אויסגערעכנט אינעם קאַפּיטל „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים: ביבליאָגראַפֿיע און אינפֿאָרמאַטאָרן"). געווען צו הילף איז מען אונדז אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים: טייל האָבן געשאָנקען אַ ביכל (לייבל כּהן, משה־שמואל בורגין, י. פּושעט, חנהלע בולער). אַנדערע האָבן צוגעשיקט נעמען פֿון געוויקסן, אויפֿגעקלערט טײַטשן אָדער ביבליאָגראַפֿישע פּרטים: פּראָפּ׳ ר. אויסטערליץ, צבֿי און יהודיתקע אײַזנמאַן, הירש אָשעראָוויטש, פּראָפּ׳ טעוויע בוירד, ד״ר הערשל גלעזער, מאיר הורוויץ, נחמה ווײַנער, בינה סילווערמאַן־ווײַנרײַך, אַ.־ל. טאַב, צבֿי טלשיר, הרבֿ חיים ליבערמאַן, שׂרה זילבערמאַן, ד״ר י. ניבאָרסקי, שמואל נײַדאָרף, י. עלבערג, ד״ר רחמיאל פּעלץ, אליעזר פֿרענקעל, ד״ר בערל קאַבאַק, לאה ראָבינסאָן, יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל, ז. שניאַדאָווער, עלי שעכטמאַן. מיט טעכנישע עצות בנוגע קאָמפּיוטערײַ איז אונדז געווען צו הילף אָדם ווײַטמאַן. אַחרון־אַחרון – ווען נישט די אוצרות פֿון דער ייִוואָ־ביבליאָטעק און ־אַרכיוו, וואָלט געוויס געווען אַ סך אָרעמער. אַרויסהייבן מוזן מיר דאָ ווײַטער: דינה אַבראַמאָוויטש, משה־זכריה בעקער און איציק גאָטעסמאַן.

רעדאַקציאָנעל צוגעלייגט אַ האַנט האָבן: אוריאל ווײַנרײַך, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן צו דערלייענען די ערשטע ווערסיע פֿונעם פּראָיעקט „נעמען פֿון ביימער און קשאַקעס" ביז Cupressus sempervirens, אַ וואָך איידער ער האָט זיך אַזוי טראַגיש פּרי געפּעלט; ווי אויך מ.־מ. שאַפּיר און – איר צו לאַנגע יאָר – ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן, וואָס זיי האָבן אַדורכגעלייענט דעם גאַנצן כּתבֿ־יד פֿון די אַרײַנפֿיר־טיילן און געמאַכט וואָגיקע אָבסערוואַציעס.

ספּעציעל וואָלט איך געוואָלט אַרויסהייבן עטלעכע מענטשן, וואָס אָן זיי וואָלט געווי אָדער אין גאַנצן נישט צו שטאַנד געקומען, אָדער געהאַט אַן אַנדער פּנים: אין דער ערשטער סטאַדיע (1963־1967) – מײַן ווײַב, טשאַרנע שעכטער, וואָס אין איינעם מיט איר האָב איך זיך אַרײַנגעלאָזט אין דער וועלט פֿון געוויקסן – געגאַן אין באָטאַנישע גערטנער, ווי אויך אין פּאַרקן, וועלדער, געלייענט באָטאַנישע ליטעראַטור; אין אַ ווײַטערדיקער סטאַדיע (אין משך פֿון דריט האַלבן יאָר אינטענסיווע האָרעוואַניע, 1980־1982) – איידל שעכטער (הײַנט: רעזניק), וואָס זי האָט מיט אַן התמדה, פּינקטלעכקייט, פֿאַרלאָזלעכקייט און עקספּערטישקייט, וואָס כ׳בין פֿאַר זיי אַלע מאָל פֿון ס׳נײַ נתפּעל געוואָרן, אויסרעדאַקטירט דעם נישט־גרינגן מאַטעריאַל. אין 1983־1984 האָט בנימין שעכטער געהאָלפֿן רעדאַקטירן און אויסטיפּירן אַן ערשטן נוסח פֿון די ערשטע עטלעכע צענדליק זײַטלעך פֿונעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער; אין 86/1985 איז שושנה וואָלקאָוויטש

אַדורך דעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער און די ביבליאָגראַפֿיע און זיי פֿאַר־איינהייטלעכט לויט די פּרינציפּן וואָס דער בעל־מחבר האָט איר אָנגעוויזן; אין די זומערס פֿון 1987־1993 האָט דוד בראַון אָט די אַרבעט אויסגעענדיקט, אָנגעשריבן פֿאַר דער ענגלישער טייל פֿון געוויי די אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער און אָפּגע־קלאַפּט אין אַ פֿאָטאָגרייטער פֿאָרעם דעם מאַטעריאַל וואָס גייט אַרײַן אינעם ערשטן באַנד געוויי, צום טייל אויף אַן עלעקטראָנישער שרײַבמאַשין, צום טייל אויף אַ קאָמפּיוטער.

ועל־כּולם מוז מען נאָכזאָגן גאָר אַ גרויסן שבֿח דעם שטילן און איידעלן בויער פֿונעם ייִדישן קולטור־בנין תּנחום [טאַכנע] ברײַסן ע״ה, וואָס ער האָט דורך זײַן ברייטהאַרציקער סובסידיע דעם ייִוואָ געגעבן דעם געהעריקן פֿינאַנציעלן און מאָראַלישן שטויס, אַז דער היסטאָרישער פֿאַרמעסט זאָל אַרויס מן הכּוח אל הפּועל. נישט ווינציקער וויכטיק איז געווען זײַן טאַטישע זאָרג, זײַן האַרציק אונטער־טרײַבן דעם צונויפֿשטעלער: „נו, ווען וועל איך שוין דערלעבן דאָס בוך?״

אויך די פֿונדאַציעס א״נ יהודה זעליטש, מאיר און ציפּע פּרוכטבוים, בנימין שעכטער און דער שמואל־ און סימע קאַפּלאַן־פֿאָנד בײַ דער ייִדיש־ליגע האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן צו שטײַער, כּדי געוויי זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן.

ווײַטער, דאַרף מען לשבֿח דערמאָנען דעם פֿינאַנציעלן צושטײַער פֿון אַ צאָל יחידים: שעלבי שאַפּיראָ, ווי אויך וועלוול אַרצט, ד״ר דובֿ־בער גוראַלניק און ד״ר מאָטל פּרץ (לזכּרון זײַן מאַמע, עלקע פּרץ, פֿון דער היים וועבערמאַן, אונדזער אינפֿאָרמאַנטקע פֿאַרן שטעטל לעוורטעוו).

# 3. אַרײַנפֿיר: וועגן באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע

## א) דער נאָמען פֿון אַ געוויקס

איטלעכער מענטש האָט אַן אייגענעם נאָמען, וואָס ער שטעלט זיך צונויף לכל־הפּחות פֿון צוויי טיילן: דער ערשטער נאָמען (אין אייראָפּע – פּשוט: נאָמען, אָדער כּשרער נאָמען), און דער פֿאַמיליע־נאָמען (בײַנאָמען, פֿאַמיליע, דײַטשער נאָמען). אויך איטלעכס געוויקס האָט זײַן אייגענעם צווייגלידיקן (binomial) אָדער מערגלידיקן ליטײַנישן (פּינקטלעכער: גרעקיש־ליטײַנישן) וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען. די ערשטע טייל פֿונעם צווייגלידיקן טערמין איז דער נאָמען פֿונעם מין (genus). די צווייטע טייל איז דער צוגאָב, וואָס ער ספּעציפֿיצירט דעם זגאַל (species); אָט דער צוגאָב איז אַן אַדיעקטיוו אָדער אַ פּרט־נאָמען אין פּאָסעסיוו.

נו, און אין די באַזונדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן: ייִדיש, ענגליש, רוסיש, שפּאַניש? אויך דאָ זענען דאָ צוויי־ און מער־גלידיקע נעמען. מײנסטנס, אָבער נישט תּמיד. אַ משל: ווײַסיאָדלע (Silverfir) Abies alba. דער מין־נאָמען אין ליטײַניש, ווי געזאָגט, איז דאָס ערשטע גליד (Abies). אין ייִדיש און אין ענגליש איז עס אָבער דאָס צווייטע: יאָדלע און fir. דער ספּעציפֿיצירנדיקער צוגאָב איז, הייסט עס, אין ליטײַניש דאָס צווייטע גליד (alba) און אין ייִדיש און ענגליש – דאָס ערשטע (ווײַס, silver). אַ כּלל, ביידע טיילן אין איינעם זענען דער נאָמען פֿונעם געוויקס, אָבער דער סדר איז אַנדערש פֿון לשון צו לשון.

אַ ווײַטערדיקער טראָט: דער מין צעטיילט זיך אַ מאָל אויף אונטערמינים (sub-genus), אַ זגאַל – אויף אונטערזגאַלן (sub-species), וואַריעטעטן (variety), אונטערוואַריעטעטן (sub-variety) און פֿאָרמעס (form). דער נאָמען פֿונעם געוויקס האָט דעמאָלט דרײַ, פֿיר אָדער אַפֿילו פֿינעף גלידער: יאַפּאַנישע ווײַסע בערעזע – Betula platyphylla japonica.

ביז איצט איז עס געווען לפֿי־ערך גרינג: איטלעכס גליד פֿון די צוויי־ און מער־גלידיקע ליטײַנישע נעמען האָט אין ייִדיש און אַנדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן צוויי־ און מער־גלידיקע עקוויוואַלענטן, איז זעט מען קלאָר אַרויס די צווישן־שפּראַכיקע עקוויוואַלענץ פֿון די גלידער. פֿאַראַן אָבער אַ סך פֿאַלן, ווען קיין

עקוויוואַלענץ איז נישטאָ:

1) ווען דער נאַציאָנאַלער (ייִדישער, ענגלישער, רוסישער אאַז״וו) טערמין איז אַן איינגלידיקער (monomial) (אַ שטייגער: באַרעוויק) אַקעגן דעם צווייגלידיקן ליטװיִשן (Boletus edulis).

2) ווען דער מין־נאָמען אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך איז אַ צווייגלידיקער (מיר ריכטן זיך דאָך, אַז דער נאָמען פֿון דעם מין זאָל זײַן איינגלידיק): אין ייִדיש דערעיקרשט די געוויקסן־מינים, וואָס זיי זענען צונויפֿהעפּטן מיט ־באַרד, ־בוים, ־בלאָט אאַז״וו.

3) ווען דער זגאַלנאָמען אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך האַלט טאַקע צוויי עלעמענטן און סע זעט אויס ווי איינער פֿון זיי איז דער נאָמען פֿונעם מין, און איינער – דער ספּעציפֿיצירנדיקער צוגאָב, בשעת אין דער אמתן איז עס אַנדערש. בעבלעך אינעם נאָמען חזירשע בעבלעך איז נישט דער נאָמען פֿונעם מין און סע קער זיך נישט אָן מיטן מין באָב צי פֿאַסאָליע (Phaseolus; Vicia). ס'איז גאָר אַן אומטיילעװדיקער עלעמענט פֿונעם ייִדישן נאָמען פֿון אַן אַנדער געוויקס (Hyosciamus niger). אויך בײַ משוגע־קאַרש איז קאַרש פֿאַרפֿירעריש, נישט קיין אָנווײַז אויפֿן מין, וואָרן משוגע־קאַרש קער זיך נישט אָן מיטן קאַרשנבוים (Prunus cerassus). ס'איז גאָר דער נאָמען פֿון לחלוטין אַן אַנדער זגאַל (Atropa belladonna).

אַ סך מאָל איז אויך נישטאָ קיין עקוויוואַלענץ בײַ די נעמען פֿון גאָרטן־וואַריעטעטן און האַנדל־סאָרטן פֿון אויפּס, גאָרטנוואַרג, תּבֿואות. זיי האָבן דאָך בדרך־כּלל נישט קיין ליטײַנישע נעמען. אונגערישע פֿלוימען, כאַפּן מיר אָן, איז אַ באַוווּסטער סאָרט, מיט אַן אייגענעם נאָמען אין כלערליי אייראָפּעיִשע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אָבער קיין ליטײַנישן נאָמען פֿאַרמאָגט ער נישט (על־כּל־פּנים אין די הײַנטיקע נאָרמירטע מקורים; אַמאָליקע יאָרן איז עס אין האַנטביכלעך געווען פֿאַרצייכנט ווי Prunus hungarica. במילא ברענגען מיר עס נאָר אינעם געוויקסן־און מקורים־ווײַזער, נישט אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל, ווו די נעמען זענען אויסגעשטעלט לויט די ליטײַנישע טערמינען. אַז אַ געוויקס האָט נישט קיין ליטײַנישן נאָמען, קען מען עס דאָך נישט אויסרעכענען אין אַ ווערטערביכל, ווו ליטײַניש איז דאָס אַרויסגיי־לשון.

## ב) די צוגעהעריקייט פֿון אַ געוויקס

לאָמיר נעמען אַ פּיקטיוון העלד, פֿרויקע שטיינבאַרג פֿון טאָלנע (אין אוק־ראַיִנע). איזן איז ער, ווי איטלעכער בן־אָדם, אַ וועלט פֿאַר זיך, אָבער אין איין ווענגס – אַ מיקראָסקאָפּיש שרײַפּעלע אין אַן אין־סופֿיק גרויסער מאַשין: דער מענטשלעכער מין. צווישן דעם מענטשלעכן מין און צווישן פֿרויקע שטיינבאַרג קומען אַלץ קלענער ווערנדיקע רעדלעך – קלאַסיר־גרופּעס. דער מענטשלעכער מין צעטיילט זיך דאָך אויף ראַסעס, פֿעלקער, שבֿטים, קלאַנען, משפּחות. בײַ אַ סך פֿעלקער, די אַנטוויקלטערע, זענען קיין שבֿטים און קלאַנען נישטאָ, דערפֿאַר אָבער – רעליגיעזע און אידעאָלאָגישע קלאַסיר־קאַטעגאָריעס. הײַנט ווו זענען עקאָנאָמישע קלאַסן? און מלוכישע צוגעהעריקייט? אַ כּלל, פֿרויקע שטיינבאַרג

געהערט צו דער ווײַסער ראַסע, צום ייִדישן פֿאָלק, אַשכּנזישע סובקולטור (אָדער אפֿשר בעסער: צו דער ייִדישער ציוויליזאַציע, אַשכּנזיש פֿאָלק, וואָלינער סובקול־טור?), טאָלנער קהילה, משפּחה שטיינבאַרג. דערצו איז ער נאָך אַ בראָסלעווער חסיד.

לאָמיר לאָזן שטיין דאָס משל פֿון פֿריִקע שטיינבאַרג און זיך נעמען צום נימשל – די קלאַסיר־סיסטעם פֿון געוויקסן. אויך זיי צעטיילן זיך דאָך אויף אַלץ קלענער ווערנדיקע קאַטעגאָריעס. מיר וועלן נעמען ווי אַ משל דאָס געוויקס קריכיקער ראַנונקל. אָט איז זײַן סיסטעמאַטיש צוגעהעריקייט:

| | |
|---|---|
| אַפּטייל: זוימען־געוויקס | *Division*: Spermatophyta |
| אונטעראַפּטייל: דעקזוימיקע | *Subdivision*: Angiospermae |
| קלאַס: צווייטייליקע | *Class*: Dicotyledonae |
| סדר: ראַנונקלישע | *Order*: Ranunculales |
| משפּחה: ראַנונקלדיקע | *Family*: Ranunculaceae |
| מין: ראַנונקל | *Genus*: Buttercup |
| זגאַל: קריכיקער ראַנונקל | *Species*: Creeping Buttercup |

בײַ טייל געוויקסן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוווּנקען, זענען דאָ ווײַטערדיקע צווישנשטאַפּלען: אונטערמין (צווישן מין און צווישן זגאַל), אונטערזגאַל (צווישן זגאַל און צווישן וואַריעטעט), וואַריעטעט *variety*, אונטערוואַריעטעט און פֿאָרמע. מיינסטנס שטעלט מען זיך אָבער אָפּ בײַ זגאַל, ווי דעם קלענסטן קלאַסיראיינס.

אין אַ פֿריִערדיקער סטאַדיע אין דער היסטאָריע פֿון דער ייִדישער טערמינאָ־לאָגיע האָט מען דעם קלאַסיראיינס משפּחה געדופֿן אויך פֿאַמיליע, און מין און זגאַל – אָדער מיט די דײַטשמערישע „אַרט" און „גאַטונג", אָדער מיט די גלאַט טעותדיקע טערמינען („אונטערמין" פֿאַר species!). פֿאַמיליע איז נאָך הײַנט דערלאָזלעך, אָבער „אַרט", „גאַטונג" צי גאָר „אונטערמין" פֿאַר species – נישט. אונטערמין האָט זיך דאָך שוין זײַן פֿונקציע: ס'איז sub-genus, פּונקט ווי אונטערזגאַל איז sub-species, און אונטערוואַריעטעט – sub-variety. מע טאָר זיי נישט צונויפּפּלאָנטערן, פּונקט ווי מע טאָר אונטערקאָלאָנעל נישט ניצן פֿאַר major, וואָרן אונטערקאָלאָנעל איז דאָך lieutenant colonel.

## ג) אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור

פֿאַראַן צוויי טעותדיקע צוגאַנגען צום ענין ייִדישע באָטאַנישע טערמינאָלאָ־גיע: איין מיינונג – אַ ברייט פֿאַרשפּרייטע – אַז ייִדיש האָט בכלל כּמעט נישט קיין נעמען פֿון געוויקסן, און אויב איר פֿרעגט „היתּכן – דעמב, סאָסנע?", וועט מען אײַך מסתּם אָפּענטפֿערן „עט, רוסישע ווערטער". די לינגוויסטיש נאַיִווע, אָבער כּמעט אוניווערסאַלע, השׂגה בײַ ייִדן איז דאָך, אַז ווערטער פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם זענען נישט ייִדיש, נאָר „פּויליש" און „רוסיש". און די לשון־קודש־שורשדיקע זענען דאָך אַוודאי „העברעיִשע ווערטער". אַז זיי אַלע זענען גאָר ייִדיש, דאָס פּאַטויפּעט זיך ר' ישׂראלן עפּעס נישט אין קאָפּ. מע מיינט, אַז זיי זע־נען „רוסיש, פּויליש, העברעיִש", אַפֿילו אויב איר ווײַזט זיי אָן, אַז אויף רוסיש,

פּויליש צי עבֿרית ניצט מען גאָר אַנדערע ווערטער פֿאַר דער שייכדיקער זאַך. סע העלפֿט נישט. אַן אײַנרעדעניש איז אַרגער פֿון אַ קרענק.

די צווייטע מיינונג – פֿאַרשפּרייט בײַם שמאָלן קרײַז, וואָס ער ווייסט יאָ, אַז ייִדיש פֿאַרמאָגט אַ באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע – איז, אַז ייִדיש האָט כמעט נישט געהאַט קיין נעמען פֿון געוויקסן ביז די וועלטלעך ייִדישע שול־באַוועגונג, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיי אײַנגעפֿירט. אויך די דעה איז נישט גערעכט. די גאַנצע עלטערע ליטעראַטור העט־העט פֿון די עלטסטע גלאָסעס אָן, איבער דער שאלות־ותשובֿות־ליטעראַטור, די מינהגים־ביכלעך, די הגדות מיט זייערע ייִדישע אינסטרוקציעס ווי צו פֿירן אַ סדר – זענען פֿול מיט ייִדישע נעמען פֿון תּבֿואות, גאָרטנוואַרג, אויפּס. אינעם גלאָסאַר צום ערוך קטן (1290) האָט דער שרײַבער פֿון די שורות אָנגעציילט 19 געוויקסן־נעמען. די פֿאָלקס־מעדיצינישע ליטעראַטור איז אָנגעשפּיגעוועט מיט נעמען פֿון רפֿואהדיקע געוויקסן. סאַסעפֿראַס, למשל, וואָלט אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר הײַנט אָדער אין גאַנצן נישט געוווּסט, אָדער עס געהאַלטן פֿאַר אַן ענגליש וואָרט; ס׳איז אָבער שוין דאָ אין שער אפֿרים אין 1728 און מסתּם פֿריִער אויך. אינעם פֿאָלק־מעדיציניש ביכל באר מים חיים פֿון יששׂכר־בער טעללער (פּראָג, אַרום 1650) האָט דער ווידעראַרויסגעבער, ד״ר אַבֿרהם טעללער (נ״י, 1988), אויסגערעכנט 133 זגאַלן מעדיצינישע געוויקסן (זז׳ 111־116). אַפֿילו אָן די כלערליי שרײַבוואַריאַנטן האָט מערבֿ־ייִדיש – די רעדענישן פֿון עלזעס, דײַטשלאַנד, פּיים (ביימען), האָלאַנד, עסטרײַך אאַז״ו – געקערט פֿאַרמאָגן העכער 200 נעמען פֿון געוויקסן. אויב מע זאָל נאָך צורעכענען שרײַב־וואַריאַנטן אינעם ערשטן ליטעראַרישן ייִדיש, וואָס ס׳איז דאָך געווען באַזירט אויף אָט די רעדענישן, איז די צאָל אַ סך גרעסער.

אין אַכצעטן און נײַנצעטן יאָרהונדערט איז, כּידוע, פֿירגעקומען אַ שטיקל שפּראַכיקע רעוואָלוציע: אי דאָס גערעדטע מערבֿ־ייִדיש, אי דאָס ערשטע ליטעראַרישע ייִדיש – די שפּראַך פֿון אליהו בחור, גליקל האַמל אאַז״וו – זענען אַוועקגעקומען (ס׳ערשטע – צום גרעסטן טייל, ס׳צווייטע – אין גאַנצן) און ס׳איז אויפֿגעקומען דאָס מאָדערנע ליטעראַרישע ייִדיש, באַזירט אויף מיזרח־אייראָפּעיִשע דיאַלעקטן: דאָס „וואָלינער" ייִדיש, דאָס „ליטווישע" און דאָס „פּוילישע". די נײַע באָטאַנישע נאָמענקלאַטור שפּיגלט אָפּ אָט דעם געאָגראַפֿישן איבעררוק. פּיטרזיל (פּעטערזיל? פּעטערזײַל?) ווערט נעלם און זײַן אָרט פֿאַרנעמט פּעטרישקע. אייכעבאַם (די מערבֿ־ייִדישע פֿאָרמע איז דאָך באַם, מאַד, לאַפֿן, קאַפֿן און נישט בוים, מויד, לויפֿן, קויפֿן) ווערט אַרויסגעשטופּט פֿון דעמב, ווײַקסל – פֿון ווײַנשל.

אין דער אייגענער צײַט – אין 18טן און 19טן י״ה – אַגראַריזירן זיך ייִדן אין דער כערסאָנער גובערניע, פּאָדאָליע, באַסאַראַביע, גאַליציע, קאָנגרעס־פּוילן, ליטע און רײַסן. אָדער זיי באַזעצן זיך קאָלאָניעסווײַז, אָדער ביחידות – אין פֿאַרזיכדיקע באַלעבאַטישקייטן. אין 1899 האָבן דאָך אין רוסלאַנד 10,721 ייִדישע משפּחות מיט 68,959 נפֿשות זיך פֿאַרנומען מיט אַגריקולטור, אין 301 ייִשובֿים אויף אַ סך־הכּל פֿון 100,107 דעסיאַטין ערד.[1] סוף נײַנצעטן יאָרהונדערט און די

1) די ציפֿערן ברענגען מיר לויט דער טאַבעלע אין: מ. וועללער, **ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד**, ווילנע, 1900, זז׳ 230־238. זי, ווידער, קער זײַן אַ ייִקאַ־סטאַטיסטיק. אַן עקסט אינטערעסאַנטע פֿאָרשאַרבעט אויף אַ שײַכדיקער טעמע האָט אָנגעשריבן שמשון תּפּוח (זען „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים" אין דעם באַנד).

ערשטע דרײַ צענדליק יאָר פֿון צוואָנציקסטן קומט צו אויך די אַגריקולטורעלע
קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל, אַרגענטינע, פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, קרים,
בירעבידזשאַן, וואַקסט טאַקע אויס אַ ברייט פֿאַרצווײַגטע אַגראָטעכנישע טער־
מינאָלאָגיע. ייִדן זענען מוכר־תּבֿואהניקעס, און די פּרײַזקוראַנטן אין קול מבֿשׂר
אינפֿאָרמירן מה־יקר כערסאָנער ווייץ, באַנאַטקע, אַרנאַוטקע, אוקראַיִנקע, כערסאָנער
גריקע אאַז״וו. ייִדן נעמען זיך צו גערטנערײַ און סעדערײַ, און די האַנטביכלעך, וואָס
לערנען אָט די מלאָכות, און די לערערס פֿון די ייִקאַ־ און אָרט־קורסן און ־שולן,
ווי אויך די ייִדישע אַגראָנאָמען פֿונעם אַגראָדזשוינט ברענגען אַרײַן אין ייִדיש אַ
שלל מיט נעמען פֿון סאָרטן גאָרטנוואַרג און אויפּס. ייִדן האַנדלען מיט וואַלד,
האָבן (אָדער אַרבעטן אין) טאַרטיקעס, זענען שאַפֿערס צי שרײַבערס (= וואַלד־
אַדמיניסטראַטאָרן), פֿערשטערס (foresters בלע״ז), סטאָליערס; זיי אַלע קענען
גוט דאָס רויוואַרג, וואָס ס׳איז דער יסוד פֿון זייער פּרנסה – ביימערוואַרג און
געהילץ. ס׳איז מיר בשעתו אויסגעקומען צו אינטערוויויִרן פֿאַרן ייִדישן שפּראַך־
און קולטור־אַטלאַס אַ ייִדן פֿון זשעביע (אין די קאַרפּאַטן־בערג), ל. איוויער, האָט
ער אין איין דעך געגעבן אַ רעכן אויס אַכצן סאָרטן געהילץ! דער זעלביקער האָט
אויך איינס־און־צוויי איבערגערעכנט אַ טוץ ייִדישע נעמען פֿון קווייטן! נחום יוד,
ווידער, משלט אָפּ און באַזינגט אין זײַנס אַ ליד דאָס שיינקייט פֿון זיבן באַזונ־
דערע שוועמלעך, איטלעכס מיט זײַן אייגענעם נאָמען. אויך אַ פּשוטער ייִד דער־
מאָנט אין אַ בריוו אין רעדאַקציע זיבן זגאַלן שוואָמען.[2]

פֿינעף הונדערט יאָר רעדט מען שוין ייִדיש אין ארץ־ישׂראל;[3] איז נישט מיין
ווי רעכט, אַז אויך דאָרטן זאָל זיך האָבן צעוואָקסן אַ ספּעציפֿיש ארץ־ישׂראלדיק
ייִדיש, מיט אַ שפּאָר ביסל נעמען פֿון געוויקסן: אַסקעדיניע, באַטיך (פֿ״גל דאָס
העברעיִשע אַבֿטיח), בראָנדזשינע, דאָם, דורע, דזשינאַרע, זאַרורע, זיטונע, טוט, כאַסאַ,
לוביע, לימינע [מיט אַ בפֿירושן ״י״קלאַנג אין צווייטן טראַף], מישמיש, נאַוט (=
נאַהיט), פּאָרטעגאַל, פּיניאָנע, פֿיסטוק, קאַלאַוואַסע, קאַנעוואַטע, קאַרעלע, קוסעלע א״אַ.
טייל פֿון די טערמינען זענען פֿון אַראַבישן, טערקישן, דזשודעזמישן אָפּשטאַם;
טייל, ווידער, זענען פֿונעם ייִדיש פֿונעם אַלטן ייִשובֿ דערנאָכדעם אַריבער אין
מאָדערנעם עבֿרית אַרײַן. סומסום האָט, אַגבֿ, אין ייִדיש שוין געגאָלטן נאָך פֿריִער
ווי 1650, אַ והאָ־ראַיה: ר׳ משה פּרעגערס דרכי ציון.[4] אין צוואָנציקסטן יאָרהונ־
דערט זענען צוגעקומען אַ צאָל לײַווערטער פֿונעם מאָדערנעם העברעיִש. עטלעכע
פֿון זיי רעקאָמענדירן מיר פֿאַרן הײַנטיקן ייִדיש.

קריק צום נײַנצעטן יאָרהונדערט. אויך לאַנג פֿריִער זענען שוין געווען
ייִדישע נסיעות־אָפּמשלונגען – אין פֿופֿצעטן און זעכצעטן יאָרהונדערט – אָבער
זיי האָבן זיך ווינציקער פֿאַרנומען מיט נאַטור. לאַנגסטיקע צײַטן האָט מען דאָך
בײַ ייִדן און בײַ גויים געהאַלטן, אַז זיך מטפּל זײַן מיט דער נאַטור איז מגושמ־
דיק, פּראָסט. די ענגלישע פֿאָרערס אין די אַלפּן פֿלעגן דאָך אַראָפּלאָזן די ראָלעטן

---

2) לויט גאַרבער, „אַ ברוקלינער ייִד וועגן היימישע שוואָמען״, **פֿאָרווערטס**, דעם 15טן נאָוועמבער 1972.

3) זען די מקורים וואָס אינעם זשורנאַל **ייִדישע שפּראַך** XXXVII (1978־1980), ז׳ 21, הערות 6,5,3,2.

4) פֿ״גל מאָטל שער, „דאָס לשון פֿון אַ טוריסטן־ווײַזער קיין ארץ־ישׂראל מיט 330 יאָר קריק״, **ייִדישע שפּראַך**, דאָרטן, ז׳ 46.

פֿון די קאַרטעס, כּדי זיי זאָלן נישט דאַרפֿן זען די בערג מיט די וועלדער![5] דערצו קומט נאָך צו דער ייִדישלעכער צוגאַנג פֿון ביטול־זמן: ווי מעג מען אָפּגעבן צײַט אויף קווייטן אוןביימער? מיט דער השׂכּלה קומט אָבער אויך דאָס קלינגוואָרט „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" – דער גרויסער קער צו דער נאַטור און אַגראַריזאַציע, ווי אויך דער אינטערעס פֿאַר דער „וועלט", פֿאַר די לענדער און פֿעלקער מחוץ די דלד־אַמות פֿון ייִדישן לעבן. באַווײַזט זיך טאַקע – ווי פֿריִער אָנגעוויזן – בײַ ליפֿשיצן, בײַ מענדעלען, אין קול־מבֿשׂר אאַז״וו די עקזאָטישע באָטאַנישע וועלט.

ברייטער אין כּמות, אָבער ערגער אין איכות איז דער שטראָם באָטאַניש נײַוואַרג אין האַרקאַוויס ווערטערביכלעך פֿון 1891 און 1898 און זײַן געאָגראַפֿיע (1911) – ס׳רובֿ גענומען דירעקט פֿון דײַטשישע ווערטערביכלעך, אַפֿילו אויב זיי זענען אין תּוך אַרײַן געווען קריסטלעך („קריסטוס־פּאַלמע", „אָסטערבלום") און אַ ביסל טערמינען קאַלקירט פֿון ענגליש. אייגן, ייִדיש ווערטער־שאַפֿערישקייט – כּמעט גאָרנישט נישט. דערצו זענען נאָך טייל דעפֿיניציעס פֿאַרגרײַזטע. פֿונדעסט־וועגן מוז מען האַרקאַווין נאָכזאָגן אַ שבֿח: ער האָט געהאָלפֿן אויסברייטערן דעם האָריזאָנט פֿונעם ייִדיש־לייענער. דאָס אייגענע – די פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען אין פּרצעס יודישע ביבליאָטעק (וואַרשע 1890, 1891), אין דער ניו־יאָרקער צוקונפֿט און אַנדערע פּובליקאַציעס פֿון סוף נײַנצעטן־אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ קאָלאָסאַלע אויסברייטערונג פֿונעם באָטאַנישן היקף פֿאַרלויפֿט זיך דורך אייבעלסאָנס ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך (1915). די צאָל שייכדיקע טערמינען דאָרטן – אין די הונדערטער. צום באַדויער – אַ ים מיט דײַטשמעריזמען („מוקענפֿענגער", „אַקער־ווינדע" א״אַ), אומבאַטראַכטערהייט אַרײַנגעשלעפּט אין ייִדיש קריסטוואַרג („קריסט־וואָרצל", „קריסטוס־אַקאַציע", „מאַריען־גראָז", „יודאַס־בוים") און אַפֿילו אַנטיסעמיטישוואַרג („יודען־אויער", „יודענקאַרש", „ייִדן־דאָרן"). דער פּרוּוו אַרײַנצוברענגען אַזאַ סך נײַע טערמינען, דאָס אַליין איז אָבער שוין געווען אַן אויפֿטו, כאָטש די טערמינען גופֿא האָבן ס׳רובֿ געהונקען אויף ביידע פֿיס.

הײַנט, די „מיתה־משונהדיקע דעפֿיניציעס"! אַ שטיקל רעקאָרד אין דעם פּרט האָט בײַ אונדז געשלאָגן דרייזינס רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל: באַנאַן אָפּגעטײַטשט ׳דער אינדישער אַרבוז׳! שוין איין מאָל אַ דעפֿיניציע...

און אַ.־ש. זאַקס באָטאַניק (1911, 1916)? דײַטשמעריש. איין גרויסע מעלה האָט עס פֿונדעסטוועגן: סע פּרעזענטירט כאָטש די געוויקסן־וועלט אין אַן איבערבליקלעכער פֿאָרעם. ס׳איז מעטאָדאָלאָגיש בעסער פֿון קאָטיקס פּרוּוו פֿון אַ באָטאַניק (פֿונעם יאָר תּר״פּ). שפּראַכיק טויגן זיי אָבער ביידע נישט.

אַ נײַ קאַפּיטל אין דער היסטאָריע פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע הייבט זיך אָן מיט דער וועלטלעכער ייִדישער שול־באַוועגונג אין מיזרח־אייראָפּע. די ערשטע דרײַ ביכלעך פֿון יענער צײַט זענען: העלענע כאַצקעלסנס פּראָגראַם פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט, ווילנע, 1918), אַ. גאָלאָמבס פֿאַרטײַטש (קיִעוו, 1919) פֿון באָטשעס האַנטביכל פֿון באָטאַניק (שפּעטער איבערגעאַרבעט ווי גאָלאָמבס אַ ווערק) און ד. האָכבערגס פֿאַרטײַטש (מאָסקעווע, 1920) פֿון אָטאָ שמיילס האַנט־

5) פֿײגל היו דענמאַן, „וועגן ליבשאַפֿט און גלײַכגילט צו דער נאַטור", **אויפֿן שוועל**, יולי־דעצעמבער 1983, ז׳ 28.

ביכל. פֿון די בײדע איז גאָלאָמבס דאָס בעסערע, דאָס ייִדישערע – האָכבערגס איז זיך צו פֿיל סומך אויף דײַטשישער טערמינאָלאָגיע, בעת גאָלאָמב האָט זיך געקענט פֿאַרגינען צו זײַן מער טראַדיציאָנאַליסטיש און ייִדישיסטיש (סאָוועטיש־ייִדישע לינגוויסטן האָבן אים שפּעטער דערפֿאַר קריטיקירט); דערצו נאָך איז אים דער פֿילאָלאָג ז. קלמנאָוויטש געווען צו הילף.[6] גאָלאָמב און קלמנאָוויטש האָבן דענצמאָלט געוווינט אין קיִעוו. אויך העלענע כאַצקעלסנס לשון איז זייער פֿײַן.

די ייִדישע שול־באַוועגונג אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, אָבער דערעיקרשט ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט סײַ אין דער פּראַקטישער קלאַסאַרבעט, סײַ דורך די לערנ־ביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און געאָגראַפֿיע אײַנגעפֿירט היפּשע עלעמענטן פֿון דער סיסטעמאַטישער באָטאַניק. גאָלאָמב, כאַפּן מיר אָן, האָט אין זײַן ביכל וואַסער־געוויקסן (1923) געשאַפֿן נישט נאָר דעם טערמין פֿאַרן מין געמייזעכצל (פּונקט ווי מע האָט אין עבֿרית געשאַפֿן נהרונית), נײַערט אויך פֿאַר די זגאַלן: גלאַנציקער געמייזעכצל, געקרויזטער ג׳, געריײטלטער ג׳, דורכגעשטאָ־כענער ג׳, לאַנגער ג׳, פּלאַטשיקער ג׳, קאַמאַרטיקער ג׳, קליינער ג׳ און שווימענדיקער ג׳. דערבײַ איז דאָס געווען קרקע־בתולה – די ייִדישע עטנאָבאָטאַניק האָט דאָך כמעט נישט געהאַט קיין נעמען פֿאַר געוויקסן, וואָס זייער ווױן איז וואַסער.

ווען מע רעדט וועגן די ייִדישע לערן־ און לייען־ביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און געאָגראַפֿיע, ווי אויך נסיעה־אָפּמשלונגען, דאַרף מען פֿאַרצייכענען כאָטש טייל פֿון זייערע בעלי־מחברים אָדער פֿאַרטײַטשערס (פֿון רוסיש, דײַטשיש, פּויליש אויף ייִדיש), ס׳רובֿ לערערס: י. בורטיאַנסקי, ד״ר ישׂראל ביבער, ש. בראָכעס, ש. בריאַנסקי, י. גיליגיטש, ג. גרינבערג, מ. דוואָרקין, מ. דובינסקי, מ. [=מלכּה] חיימסאָן, ז. ווײַסמאַן, י. [=ישׂראל] יאַכינסאָן, העלענע כאַצקעלס, וו.מ. כימיטש, פּ. מינקאָווסקי, י.־ד. נאָוואָגרודסקי, דער נסתּר, אַ. סטרעליץ, עליע ספּיוואַק, ל. פּרוסמאַן, הענעך קאַזאַקעוויטש, א. קאָטיק, ב. קאָטיק, י. קאַראַ, קולבאַק (נישט דער פּאָעט! ערשטער נאָמען – נישט באַוווּסט), יו. ס. ראַזום, י. ראַפּאַפּאָרט, י. שטשופּאַק א״אַ. אַ ספּעציעלע וואַרע ווילט זיך מאַכן פֿאַרן גרויסן בעל־לשון יאַכינסאָן, אַגבֿ: אַ קרבן פֿון סטאַלינס שחיטות סוף דרײַסיקער יאָרן.

די טערמינאָלאָגישע אַרבעט פֿון ייִדישע לערערס האָט אָבער, לפֿי־דעתּי, געקערט זײַן מיינסטנס אַ יחידישע, אַפֿילו ווען ערטערווײַז האָבן, אַ פּנים, אין איר גענומען אַן אײַנטייל גרופּעס, ווי סע קומט, אַ שטייגער, אויס פֿון משה כּצס רייד אין זײַן איבערזעץ פֿון ה. ספּענסערס עוואָלוציע (נ״י, 1920, ז׳ 10) וועגן „די ספּעציעלע טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס[7] בײַ דער קיִעווער קולטור־ליגע און בײַ די

---

6) <u>גאָל</u> 64.

7) וועגן דער אַרבעט פֿון די ייִדישע טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס פֿ״גל לייבל כּהנס גאָר אינפֿאָרמאַטיווע אַרבעט אינעם זשורנאַל **ייִדישע שפּראַך**, XXXII (1973), 1־8. חוץ די זיבעצן קאָמיסיעס, וואָס ער רעכנט דאָרטן אויס, קען מען נאָך צוגעבן דאָס קאָמיסיע פֿון צוויי – ד״ר אײַזיק עלקישיק און מענדל מאַרק – וואָס האָט פֿונקציאָנירט אין ליבאַווע (לעטלאַנד) אין 1919־1920 (לויט מענדל מאַרק, **די ייִדיש־וועלטלעכע שול אין לעטלאַנד**, תּ״אָ, 1973, זז׳ 49־51), די קאָמיסיע (י. קאַראַ, הערטאַ דאָנענפֿעלד א״אַ) וואָס האָט אײַנגעשטעלט די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע פֿאַר די ייִדישע לערנביכלעך פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט און פֿון ייִדיש אינעם נאָכחורבנדיקן רומעניע, און די צוויי־אירעדיקע מאַנשאַפֿט (מרדכי שעכטער און אַבֿרהם־יעקבֿ זאַקס) וואָס האָט צוזאַמענגעאַרבעט בײַם אַרויסגעבן דאָס **ענגליש־ייִדיש**[ע] **ווערטערביכל פֿון אַקאַדעמישער טערמינאָלאָגיע**, נ״י 1988.

ווילנער שולן", אָדער לויט אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַנס זכרונות[8]:

אויף פֿאַראייניהייטלעכן די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע [בכּלל און פֿאַר בירעבידזשאַן בפֿרט] ווערן פֿאַרבעטן [אין דער טערמינאָלאָגי־שער קאָמיסיע פֿונעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרי־שער קולטור] י. בורטיאַנסקי, ל. פּרוסמאַן און י. שטשופּאַק.

אַלע דרײַ געהערן צו די קוואַליפֿיצירטסטע און פּאָפּולערסטע מעטאָדיסטן פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט אין דער סאָוועטישער אוקראַיִנע. אַלע זענען זיי מחברים פֿון לערנביכער פֿאַר די ייִדיש־סאָוועטישע שולן און פֿון פּאָפּולערע נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע ביכער פֿאַר דער ייִדישער יוגנט.

די נשמה פֿונעם דאָזיקן דרײַלינג ווערט י. שטשופּאַק, דער ליב־האַרציקער מענטש מיטן שטענדיקן גוטמוטיקן שמייכל. ער איז דער ליבלינג פֿון די קיִעווער ייִדישע סטודענטן. ס'איז מן־הסתּם ניט געווען קיין איין ייִדישע שול אין די שטעט און שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע, ווּ שטשופּאַקס געוועזענע תּלמידים פֿון די ייִדישע פּעדאַגאָגישע לערן־אַנשטאַלטן זאָלן ניט אײַנפֿלאַנצן בײַ זייערע תּלמידים ליבע צו דער נאַטור און ניט געבן זיי פּראַקטישע אַגראָנאָמישע געוווינהייטן. דער ראָמאַנטישער שטשופּאַק איז פֿאַרליבט אין זײַן פֿאַך. זײַן פּנים לײַכט, בעת ער פֿירט די לעקציעס פֿון באָטאַניק אין ייִדישן אָפּטייל פֿון קיִע־ווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. איצט איז ער ביז גאָר גליקלעך – ער ווייסט: די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָווינציע אין אונדזער ייִדישן בירעבידזשאַן, וועלכע איז שוין, אַגבֿ, געוואָרן מיט אירע אויפֿטוען אַ שם־דבֿר אויפֿן גאַנצן ווײַטן מיזרח, נייטיקט זיך אויך אין זײַן פּער־זענלעכער הילף [בײַם נאָרמירן די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע]. זיצט ער טאָג און נאַכט און אײַלט זיך וואָס גיכער צו פֿאַרענדיקן די אַרבעט.

אַ ספּעציעלע וואַרע מוז מען מאַכן פֿאַר צוויי כּתבֿ־ידן אינעם אַרכיוו פֿון ייִוואָ, אַריבערגעקומענע בירושה פֿונעם פֿאַרשמטן פֿאַרמלחמהדיקן קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור (זײַן נאָמען און סטרוקטור האָבן זיך עטלעכע מאָל געביטן);[9] די צוויי פֿאַכמענישע אָפּמשלונגען פֿון דער בירעבידזשאַנער פֿלאָרע – ס.א. דאַנילאָווס און ב.א. טיכאָמיראָווס. אָנשרײַבן אָט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרשאַרבעטן האָט מען געקערט אויף רוסיש, במילא שטעקט דער שפּראַך־בויערישער אויפֿטו אינעם פֿאַרטײַטשן זיי אויף ייִדיש. וועמען קומט דער שבֿח? סע לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז שטשופּאַק האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם הצלחהדיקן פֿאַרמעסט – אָדער איז ער עס טאַקע דער פֿאַרטײַטשער, אָדער איז עס געטון געוואָרן אונטער זײַן השגחה, אָדער מיט זײַן גאָר אַקטיווער מיטהילף. די צוויי נאָר וואָס דערמאָנטע פֿאָרשאַרבעטן וועגן דער פֿלאָרע פֿון בירעבידזשאַן

8) אין איר **בירעבידזשאַן פֿון דער נאָענט**, תּ"אָ 1983, ז' 52.
9) פֿ"גל לייבל כּהן, דצ"וו, ז' 3.

האָבן באַרײַכערט אונדזער סיסטעמאַטישע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע מיט אַ הונדערט טערמינען.

די נאַטור־אָפּמשלונגען פֿון בירעבידזשאַן, קאַווקאַז, קרים און אַז״וו האָבן אין זינען געהאַט נישט דײַקע די תּלמידימשאַפֿט, נאָר אַ ברייטערן עולם לייענערס. די שפּראַך פֿון די לערן־ און לייען־ביכלעך און פֿון די נאַטור־אָפּמשלונגען איז מיינסטנס גוט ייִדיש, קאָרעקט און דרייסט נאָוואַטאָריש. דער „דרייסט" איז כּדאַי צו דערמאָנען. סע פֿאָדערט זיך דאָך באַהאַרצטקייט צו פֿורעמען נײַע ווערטער בכלל און ייִדישע בפֿרט. צוריק געזעדט, האָבן די אויסגערעכנטע בעלי־מחברים און פֿאַרטײַטשערס עס געטון פֿאַר אַ סבֿיבֿה אין מיזרח־אייראָפּע — די ייִדיש־ווי־סיקע, ייִדישיסטיש אָריענטירטע — וואָס זי האָט אויף זייערע ווערק אַרויסגעקוקט און זיי געהויבן אויף דרוקעס.

וואָס, אין לעצטן סך־הכּל, האָט די ייִדישע שול־באַוועגונג אויפֿגעטון פֿאַר דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע? צום טייל זי באַרײַכערט, צום טייל זי סיסטעמאַטיזירט, אָבער דער הויפּט זי געשטעלט אויף אייגענע, אויף ייִדישע פֿיס, כאָטש אַ שפּאָר ביסל פֿון די טערמינען, וואָס מע האָט פֿריִער געהאַט אַרײַנגעפֿירט פֿון נײַ־הויכדײַטשיש, זענען פֿאַרבליבן. אפֿשר דער סאַמע עיקר: דורך לערנען באָטאַניק סיסטעמאַטיש איז דעם שפּראַך־ציבורס אומאינפֿאָרמירטקייט אויף דעם פֿעלד אַ ביסל אָפּגעטראָטן. סע האָט זיך דאָ און דאָרטן אָנגענומען די וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיע (אַ שטייגער, שאַרף־בלעטערדיקער קליאָן בײַ עלי שעכטמאַנען.) אַ שאָד, וואָס דער לימוד באָטאַניק אין די ייִדישע שולן איז העכער פֿון דער מיטלשול־מדרגה נישט דערגאַן.

אַ גרויס חלק אין אַנטוויקלען אָדער פּאָפּולאַריזירן די טערמינאָלאָגיע פֿון אַגראָטעכניק בכלל און באָטאַניק בפֿרט האָבן געהאַט די אַגראָנאָמען־שרײַבערס, בעלי־מחברים אָדער פֿאַרטײַטשערס אויפֿן פֿעלד פֿון אַגראָ־ליטעראַטור אויף ייִדיש און קאָלאָניסטן שרײַבערס: יעקבֿ באַביצקי, י.־ש. באַראָוויטש, מאיר בורסוק, פּראָפֿ׳ מ. ברוק, ב. דאָבזשינסקי, דאָבראָליובאָוו־גיטמאַן, אַ. גאַביס, הערטאַ דאָנענפֿעלד, ה.־ה. דיבאָלד, מ. האַהן, ברוך הויכמאַן, ש.־י. הורוויץ, מיכל וועבער, מ. וועללער, י. זילבערשטיין, פּ. טרעטיאַקאָוו, וו. יוריִעוו, וו. ליוביטש, י. לייקין, אַ. לעמבערי־קער [=מרדכי שעכטער], ש.־מ. מאָטעל, גיטל מײַזיל, אַג׳ ג. סאַנדלער, נחום סע־ניצקי, א. ענזעלבערג, ב. פּאַסענשטיין, ב.־ל. פּעטשעני, ב. צוקערמאַן, י. צעגעל־ניצקי, פּסח קאָלאָדני, אַ. קאָמיר, י.־וו. קאַמענעצקי, ש. קאַפּלאַן, נ. קריטשמאַר, י. ראַסיין, ש. שאַליט א״אַ (טייל פֿון די אויסגערעכנטע נעמען זענען די בעלי־מחברים פֿונעם אָריגינאַל, בעת די פֿאַרטײַטשערס זענען געבליבן אַנאָנים).

אויסגעברייטערט דעם היקף פֿון דער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור האָט אויך די אַלגעמיינע ייִדישע ענציקלאָפּעדיע, סע פֿעלט דאָרט אָבער אַ רעדאַקטיר־האַנט מיט אַ קלאָרן נאָרמאַטיוון אײַנשטעל, כאָטש די ענציקלאָפּעדיע האָט לויט דער הקדמה זיך יאָ געשטעלט סטאַנדאַרדיזיר־צילן.

סטוטשקאָווס אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט אַדורכגעפֿירט אַ קאָלאָסאַלע כּינוס־אַרבעט, צונויפֿגעקליבן צווישן צוויי טאָוולען אַ גרויסע טייל פֿון אונדזער באָטאַנישן פֿאַרמאָג, אָבער, צום באַדויער, מיט טעותן דורך צונויפֿגרופּירן אין סינאָנימישע ווערטערנעסטן טערמינען, וואָס זיי קערן זיך גאָר נישט אָן איינס

מיטן אַנדערן.

אויך דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט, אין די ביז־איצטיקע פֿיר בענד, שטאַרק אויסגעברייטערט דעם היקף פֿון אונדזער באָטאַני־שער טערמינאָלאָגיע, אָבער בײַם אויסשרײַבן דעפֿיניציעס פֿון פֿרעמדשפּראַכיקע לעקסיקאָנען איז מען אַ סך מאָל ניכשל געוואָרן און, אַ שטייגער, טאָטאַל צע־פּלאָנטערט די טאַקסאָנאָמישע קאַטעגאָריעס משפּחה, מין, זגאַל, וואַריעטעט. (דאָס לעצטע איז דאָרטן, אַגבֿ – „וואַריאַציע"!)

אין לעצטן סך־הכּל איז מען אָבער אין פּרט פֿון סטאַנדאַרדיזירן די טערמי־נאָלאָגיע ווײַט נישט אַוועק, ווי ד"ר ביבער האָט זיך באַקלאָגט נאָך אין 1939:[10]

> דאָס פֿעלן פֿון אַן אײַנגעשטעלטער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער נאָ־מענקלאַטור איז איינע פֿון אונדזערע נויטן [...], וואָס קען ניט ווערן פֿאַרענטפֿערט פֿון דער פֿאָלקשפּראַך אַליין. הײַנט [...] ווײַזט זיך דער בלויז בולט אַרויס. יעדער לערער בלײַבט שטיין הילפֿלאָז פֿאַר דער פֿראַגע פֿון דער ביאָלאָגישער נאָמענקלאַטור. אפֿשר העלפֿט זיך ווער, ווי עס איז, מיט פֿאַרטײַטשונגען, אָבער דאָס ווערט און מוז דערפֿירן צו אַ כאַאָס, ווײַל מיר וועלן האָבן אַזוי פֿיל טערמינאָלאָגיעס און נאָמענקלאַטורן, אַז אַפֿילו אין די גרעסערע שטעט, מיט אַ סך לערן־אַנשטאַלטן [וואַרשע, ווילנע אאַז"וו] איז אויך נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוו צו פֿאַראייניטלעכן די נאָמענקלאַטור. אַזאַ צו־שטאַנד איז נישט נאָרמאַל! עס מוז דאָך אַ מאָל געשאַפֿן ווערן אַזאַ קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל פֿעסטשטעלן די סטאַנדאַרדיזירטע ייִדישע נאָמענקלאַטור.

דוגמות פֿון נישט־סטאַנדאַרדיזירטקייט? ווען אין פֿאַרשיידענע שולן און לערנ־ביכלעך ניצט מען צען סינאָנימען און וואַריאַנטן פֿאַר איין געוויקס (Primula), און אַ טוץ – פֿאַר אַ צווייטן (Taraxacum officinale)[11], ווי ס'איז אונדז שוין אויסגעקו־מען אָנצוּווײַזן.[12] אַזאַן עשירות איז צעטומלענדיק, ווײַל אומסטאַנדאַרדיזירט.

אַחרון־אַחרון. די ייִדישע ליטעראַטור, דערעיקרשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אַ קער געטון צו נאַטור מיט אַ ברען: לייב נײַדוס, י.־י. שוואַרץ, פּרץ הירשביין, אַבֿרהם סוצקעווער, יעקבֿ פֿרידמאַן, מ.־מ. שאַפֿיר, י. פֿאַליקמאַן א"אַ. פּעסי הערשפֿעלד־פּאָמעראַנץ־האָניגבוים האָט אַרײַנגעברענגט די סובטראָפּישע פֿלאָרע פֿון פֿלאָרידע; אַבֿרהם לעוו און יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל – די קווייטן פֿון ישׂראל. אין איין ליד פֿון לייזער וואָלף, „דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט" (אין זײַן צוויי בעריאַזעס בײַם טראַקט, ווילנע, 1939, זז' 20־30), קומט צו רייד וועגן: רויז, מימאָזן, פֿיאָלקעס, רומיאַניק, רייז (= זונרויז), געאָרגיניעס, מײַ־גלעקלעך,

---

**10)** ישׂראל ביבער, **אילוסטרירטער קאַטאַלאָג פֿון נאַטורוויסנשאַפֿטלעכן מוזיי** (...) 1939, ז' xiv.

**11)** אין די שולן האָט מען טאַקע געלערנט אַ טוץ, אָבער אין אונדזער געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער זענען פֿאַרצייכנט אַזש 21 ייִדישע סינאָנימען און וואַריאַנטן פֿון Taraxacum officinale וואָס ס'איז אונדז געראָטן זיי אָפּצוזוכן.

**12)** מרדכי שעכטער, „צום ייִדיש פֿון מאָרגן", **די גאָלדענע קייט** 66 (1969), 244.

כריזאַנטעמעס, פֿאַרגעס־מיך־ניט, נאַרציס, ווערבע, טשערעסניכע (אַ קאַטאַוועסדיקע איבערפֿורעמונג, דערצו נאָך אין סאַבעסדיקן לשון, פֿון טשערעשניע), מאַלענעס־ביימלעך, פּאַרעטשקע־ביימלעך, גריקע, בעריאָזע, גערשטן, ליפּע און קאָנעשינע. נחום יוד רופֿט אָן בײַם נאָמען (אינעם ליד „שוועמלעך") און משלט אָפּ נײַן זגאַלן שוועמלעך: קעזערל, מאָכעווער, בוראַוויק, טאַלסטוכעס, ריזשיקעס, וואָלווינקעס, וואָרצל־שוועמלעך, היניטישע שוועמלעך, פּולווערשוואָם. יעכיִעל פֿאַליקמאַן רעכנט אויס אין זײַנס אַ דערציילונג 23 קווייטן: שוואַרצברעטלעך, זונרויזן, פּערל־בלימעלעך, נאַסטורציעס, גענאָרגינעס, מאַטיאָלעס, אַסטרעס, שנייגלעקלעך א"אַ. אין פּרק הירשביינס נסיעה־אָפּמשלונגען קומען פֿיר: מאַקאַבייער־בלוט, טיגער־ליליע, שלאַנגען־ליליע, פֿויגלבלום א"אַ. די ראָמאַנען, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן פֿון נאָטע לוריע, נח לוריע, עליע גאָרדאָן, עליע ספּיוואַק, ב. עפּשטיין א"אַ וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אוקראַיִנע און אַרגענטינע רעדן וועגן קורײַ (Salsola/Russian thistle) און אַנדערע סטעפּ־ און פּאַמפּאַס־געוויקסן. כּמעט בײַ איטלעכן אַרגענטינער שרײַבער קומט צו רייד וועגן אָמבובוים. (אינעם לשון פֿון די אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניסטן איז, אַגבֿ, אַלפֿאַלפֿע – דורך האַפּלאָלאָגיע – מגולגל געוואָרן אין אַלפֿע.) די שרײַבערס, וואָס זיי האָבן זיך באַזעצט אין בירעבידזשאַן (בוזי מילער, הענעך קאַזאַקעוויטש, עמנואל קאַזאַקעוויטש) אָדער זענען געקומען צו גאַסט און געמאָלן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט (דוד בערגעלסאָן אין בירעבידזשאַנער, מ. כאַשטשעוואַצקי אין אַ רײַזע קיין בירעבידזשאַן, מאָטל גרוביאַן אין „אַ וואָך אין בירעבידזשאַן") שרײַבן וועגן אַזוינע געוויקסן ווי: מאַנדזשורישער אַשבוים, מאַנד־זשורישער לינדנבוים, מאַנד־זשורישער ניסנבוים, מאַנדזשורישער קאַנאַטניק, מאָנגאָלישער דעמב, קאָרעער לימענע־יאַגדע, קאָרעיִשע סאָסנע, דאַורער רויטבוים, דאַורער ב(ע)רעזע, דאַורישע ליליע, דאַורישע רויז וכּו'.

שרײַבערס מיט אַ חוש פֿאַר דער נאַטור? להיפּוך צום טראַפֿאַרעט, אַז ייִדישע פּענמענטשן זענען בלינד־און־טויב צו די שיינקייטן פֿון דער נאַטור און מער ווי אַזוינע כּוללדיקע טערמינען ווי בוים, בלום און אַז"ו ווייסן זיי נישט, פֿאַרמאָגט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור אַ סך צענדליקער ליטעראַטן „נאַטורניקעס" (זען דאָס קאַפּיטעלע „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים" דאָ ווײַטער). פֿאַרשטייט זיך, אַז „נאַטור־קבצנים" פֿאַרמאָגן מיר אויך אַ סך, פֿון זיי האָבן מיר פֿאַר געווי ווינציק וואָס נהנה געווען.

אַפֿילו אין דער אימהדיקער חורבן־ליטעראַטור וואַרפֿן זיך אַדורך נאַטור־אָפּמשלונגען – ד"ר זאבֿ יוניס (=יאָניש?) דערמאָנט, אַז אין דער חרובֿ־געוואָרענער קהילה מעלאַווע זענען געוואָקסן כּלערליי קווייטן: כאַברעס, קאָנקאָלעס (= קאָנוואַליעס?), מילעך־בלימעלעך, ליליעס, וואַסער־ליליעס, רעזעדע, בעז, נאַסטורציעס, לעווקויע, אַסטרעס, געאָרגינעס, רויזן, אָלעאַנדערס, טאַביקבלומען (= זונרויזן).

די אונטערשטע שורה: אַ סך שותּפֿים האָבן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים צוגעשטעלט אַ פֿלייצע צום בנין פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. מע האָט אין 19טן און 20סטן י"ה זי באַרײַכערט מיט הונדערטער נײַע איינסן. סע האָט אָבער געפֿעלט סטאַנדאַרדיזירטקייט. דעם חסרון טוען מיר זיך אָן אַ כּוח אויסצוגלײַכן מיט געווי.

## (ד) פּשוט־פּאָלקישע נאָמענקלאַטור און סיסטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע

ווי אַלט איז אונדזער באָטאַנישע נאָמענקלאַטור? סע ווענדט זיך. ווי שוין דערמאָנט: אויב מע רעדט וועגן די נעמען פֿון די נוציקע געוויקסן (תּבֿואות, אויפּס, גאָרטנוואַרג, האָלצביימער, רפֿואהדיקע געוויקסן), ווי אויך די געוויקסן, וואָס זיי האָבן אַ חשיבֿות פֿאַר דער הלכה אָדער ווערן דערמאָנט אין תּנך, געפֿינט מען זיי שוין פֿון די עלטסטע ייִדישע געשריפֿטסן אָן. אויב, ווידער, סע רעדט זיך וועגן דער וויסנשאַפֿטלעכער, דער אַזוי גערופֿענער סיסטעמאַטישער, טערמינאָלאָגיע, איז זי אַ סך ייִנגער. די סיסטעמאַטישע באָטאַניק בײַ לײַטן האָט זיך דאָך בכּלל פּאַקטיש אָנגעהויבן ערשט אין 18טן י״ה מיטן שוועדישן באָטאַניקער קאַרל לינע. זײַן קלאַסיפֿיציר־סיסטעם, ווו איטלעכס געוויקס און איטלעכער בעל־חי האָט אַ צווייגלידיקן ליטײַנישן וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען, איז דאָך געוואָרן דער יסוד פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן. שפּעטער זענען אָט די צווייגלידיקע ליטײַנישע נעמען פֿאַרטײַטשט געוואָרן אין די דעמאָלטיקע הויפּטשפּראַכן פֿון דער מערבֿדיקער קולטורוועלט, און ערשט אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט – אין די צענדליקער קלענערע קולטורשפּראַכן. ייִדיש און העברעיִש זענען פֿון די לשונות, וואָס ערשט אין די פֿאַרגאַנגענע 2־3 דורות האָבן זיי זוכה געווען צון אָט דעם שטאַפּל אין זייער צעוואַקס. אַ משל: דאָס פּשוט־פּאָלקישע קראָפּעווע – דעם נאָמען פֿונעם באָטאַנישן מין האָבן מיר שוין שיינע עטלעכע הונדערט יאָר (דאָס מערבֿ־ייִדישע ברענעצלעך – נאָך לענגער), אָבער בריִיקע קראָפּעווע (אָדער ברי־קראָפּעווע), דעם נאָמען פֿון זגאַל – מסתּם ערשט זינט אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס עלטערע (קראָפּעווע, פּאָקשיווע, בריִעכץ, ברענעצלעך) קער צו דער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור; דאָס נײַערע (ברי־קראָפּעווע) – צו דער סיסטעמאַטישער, וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע.

וואָס ס׳איז דאָס שײַכות צווישן דער פּשוט־פּאָלקישער, דער „עטנאָבאָטאַנישער", נאָמענקלאַטור און דער וויסנשאַפֿטלעך אויסגעאַרבעטער, דער סיסטעמאַטישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע? כראָנאָלאָגיש, ווייסן מיר שוין, איז די פּשוט־פּאָלקישע נאָמענקלאַטור בײַ אַלע פֿעלקער די עלטערע. אין פֿאַרגלײַך מיט דער וויסנשאַפֿטלעכער איז זי אויך רײַכער, אָרעמער און אומפּרעציזער.

רײַכער איז די פּשוט־פּאָלקישע נאָמענקלאַטור אין נעמען פֿון געוויסע געוויקסן. אין איין פֿאָרשאַרבעט וועגן אוקראַיִנישער עטנאָבאָטאַנישער טערמינאָלאָגיע (מאַקאָוויעצקי)[13] האָב איך אָנגעציילט צוויי און נײַנציק סינאָנימען און וואַריאַנטן פֿאַר קאַרטאָפֿל. אַן ענלעך עשירות איז שכיח אויך אין אַנדערע לשונות און אין ייִדיש **אויכעט:** קאַרטאָפֿל, קאַרטאָפֿליעס, געטאָפֿליעס, בולבעס, בולוועס, באַראַבאָליעס, באַראַבוליעס, באַרעבוליעס, באַרבאָליעס, מאַנדעבערקעס, ריבלעך, קרעמפּירן, זשעמיקעס, עכפּל, ערדעפּל **א״אַ. דאָס אייגענע** – קוקורוזע, קוקורוץ, קאַקערידזעס, קאָקרידזעס, קיִאַכעס, קייאַכעס, קיקעס, פּאַפּשוי(עס), ווייצל, טערקישע ווייץ, פּשעניטשקעס **אאַז״וו. וגם** – זונ(ענ)בלום, (זונ)רויזן, לבֿנות, לבֿנה־טשאַטשקעס,

---

**13)** זען דעם אָפּטייל V („סימבאָלן, קירצונגען, מקורים") אין דעם באַנד, אונטערן זוכוואָרט מאַק.

אַלביטן [=איילבירטן], סאָניטשקעס, סאָנע(ט)שניק, דזשאַנדזשעניק, פּאַצאָנעס א״אַ – אַלץ סינאָנימען און דובלעטן פֿאַר איין געוויקס. אָט דאָס עשירות איז אַ געווינס פֿאַר דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, אָבער אַ חסרון פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער פּראָזע, פֿאַר דער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור, פֿאַרן לערער און תּלמיד. פֿאַר זיי איז איין טערמין, צוויי טערמינען – די־יוהותר.

אָרעמער איז די פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור – בײַ ייִדן און בײַ גויים – מיט דעם וואָס זי פֿאַרמאָגט נעמען פֿאַר געוויקסן כּמעט נאָר פֿון דער טעריטאָריע און פֿון דער אינטערעסן־ספֿערע פֿונעם אייגענעם פֿאָלק. והשנית, צוליב איר סך־טײַטשיקייט. נײַנצן פֿאַרשיידענע מינים און זגאַלן הייסן אויף דײַטשיש Sternblume. בילדעריש איז עס טאַקע, אָבער פֿאַרט אַ סימן דלות פֿון דער עטנאָבאָטאַנישער, פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור. דאָס סך־טײַטשיקייט ברענגט אונדז צו אַ ווײַטערדיקן חסרון, דהײַנו:

דאָס אומפּרעציזקייט פֿון דער פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור. דיניע האָט אין פֿאַרשיידענע געגנטן צום ווינציקסטן פֿיר טײַטשן – עקוויוואַלענטן פֿון די ענגלישע (1) pumpkin; (2) melon; (3) honeydew; (4) canteloupe. פֿון דער אַנדערער זײַט ווערט אָבער טײַטש (1) אויך איבערגעגעבן דורך: באַניע, באַסטאַן, טיקווע, קאַבאַק, קירבעס א״אַ; טײַטש (2) – דורך מעלאָן א״אַ; טײַטש (3) – דורך צעסאַרקע; טײַטש (4) – דורך דינקע. וואָס זשעט איז דאָס חידוש, אַז איר לייענט בײַ אַ שרײַבער דאָס וואָרט דיניע, הייבט איר נישט אָן צו וויסן וועגן וועלכן פֿון די פֿיר טײַטשן סע רעדט זיך?

אָדער די נאָדלביימער: די מינים spruce, fir, pine, hemlock זענען נישט קיין שאַרף אָפּגעגרענעצטע קאַטעגאָריעס אין דער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור. זיי דעקן זיך צום טייל – רעגיאָנאַל, סעמאַנטיש. זיי פּלאָנטערן זיך. אַזוי אין ענגליש, אַזוי אין אַנדערע לשונות. אויך אין דער ייִדישער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור זענען סאָסנע, טענענבוים, יאָדלע, יעל, פּיכטע, (סיבירער) צעדער אַ ביסל מטושטש, סך־טײַטשיק, „פּלאָנטערדיק״.

נאָך צוויי דוגמות: נח פּרילוצקי האָט שוין אין זײַן אַרבעט „גרינס אויף שבֿועות״ געוויזן וויפֿל סינאָנימען סע זענען פֿאַראַן פֿאַר די ברעגגעוויקסן, וואָס ייִדן ניצן שבֿועות־צײַט. ס׳איז בכּלל אַ טשיקאַוועס צו זען ווי טשערעט (אָטשערעט, טשעראָט א״אַ), קאַמיש, שאַוער, זשאַוער, אַיר, אײַער א״אַ פּלאָנטערן זיך, „סינאָנימירן זיך״ אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע שפּראַכן (די סלאַווישע, ייִדיש אאַז״וו). אַפֿילו אַ לינגוויסטישער הערקולעס וואָלט בקיין־שום־אופֿן נישט בכּוח געווען צו דערגיין אַ קלאָרן טאָלק אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע אַקעגענערס פֿון Phragmites; Scirpus; Schoenus; Acorus calamus.

דאָס לעצטע משל: הינטישע פּעטרישקע. דאַכט זיך פּשוט: פּעטרישקע – דער מין,[14] הינטישע – דער צוגאָב וואָס ער ספּעציפֿירט דעם זגאַל. אַיאָ? הייבט זיך נישט אָן! ס׳איז דאָך אַ וואָרט פֿון דער פֿרײַ געוואַקסענער עטנאָבאָטאַניק. במילא

[14] אין פּוילישן ייִדיש און אינעם אַמאָליקן מערבֿ־ייִדיש – **דאָס מין**. דער שרײַבער פֿון די שורות האָט דעם נייטראַל אינקאָרפּאָרירט אין זײַן אייגענער שפּראַכסיסטעם, אָבער נאָר אין אַן אַטריבוטיווער פֿונקציע: „זי פֿאַרטראַגט נישט דאָס מין ליטעראַטור״, ד״ה יאַזאַ מין׳. פֿאַרן סתּם סובסטאַנטיוו ניץ איך ווײַטער דאָס לשון־זכר: **דער מין**.

(הערט אַ מעשׂה!) איז עס גאָר נישט קיין פּעטרישקע און סע קער זיך נישט אָן מיט פּעטרישקע. און נישט נאָר אין ייִדיש, נאָר אויך נישט בײַ די רוסישע, דײַטשישע, ענגלישע[15] עקוויוואַלענטן זײַנע.

פֿונדעסטוועגן, ווען מע האָט אײַנגעשטעלט אַ סיסטעמאַטישע טערמינאָ־לאָגיע פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן אין די באַזונדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, האָט איטלעכע אומה־ולשון געטון דאָס אייגענע: אויסגעניצט אויף ווי ווײַט סע לאָזט זיך דאָס היימישע שפּראַכוואַרג. אמת, אַרײַנגענומען טאַקע נאָר אַ קליין חלק, אָבער פֿאָרט – נישט פֿאַרשעמט, חלילה, די אויפֿן אייגענעם גרונט אויסגעוואַקסענע געוויקסן־נעמען. מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט „אַ קליין חלק" – וויפֿל? ווי גרויס (אָדער קליין) איז דאָס חלק פֿון דער פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור, וואָס סע גייט אַרײַן אין דער אייגענער, נאַציאָנאַלער וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע? מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל שאַצונג אויפֿן סמך פֿון אַ ציילונג פֿון די רוסישע טערמינען אין דאַווידאָווס זעקסשפּראַכיקן באָטאַנישן ווערטערביכל – געציילט איעדעס צענטע זײַטל: דער רעזולטאַט איז שיִער נישט סענסאַציאָנעל – כּמעט 90 פּראָצענט פֿון די געוויקסן־נעמען פֿון אַזאַ נאַטור־אָריענטירט לשון ווי רוסיש זע־נען נישט „געוואָקסן אויף אייגענעם מיסט", נאָר זענען נײַע ווערטער: אָדער סתּם אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען (אין אַ פֿאַררוסישטער פֿאָרעם), אָדער נײַשאַפֿונגען, דערעיקרשט קאַלקעס פֿון די ליטײַנישע און אַנדערע טערמינען. אויב דאָס איז אַזוי בײַ די אומות־העולם, איז אַפּשיטא שוין בײַ אונדז.

לאָמיר נעמען אַ געמעל פֿון דער העברעיִשער טערמינאָלאָגיע: דער מגדיר צמחי ארץ ישראל (<u>איג</u>) רעכנט אויס אַכצן נעמען (אויף העברעיִש און ליטײַניש) פֿאַרן מין און די זגאַלן שלענדערל וואָס אין ארץ־ישׂראל. אַלע אַכצן זענען נעאָלאָ־גיזמען געשאַפֿענע פֿון באָטאַניקערס און לינגוויסטן. פּונקט ווי דער ליטײַנישער טערמין Convolvulus palaestinus האָט נישט עקסיסטירט אין די צײַטן פֿון צעזאַר, האָט דאָך זײַן עבֿריתישער עקוויוואַלענט חבלבל ארץ ישראל נישט עקסיסטירט בימי דוד־המלך. (ווײַט איבער 90 פּראָצענט פֿון דער הײַנטיקער עבֿריתישער באָטאַ־נישער נאָמענקלאַטור האָט דאָך נישט עקסיסטירט אינעם תּנכישן, מישנישן, רבנישן אָדער אַפֿילו משׂכּילישן העברעיִש.) אונדז, אין ייִדיש, איז „בעסער" – דער נאָמען פֿונעם מין Convolvulus (שלענדערל) איז כאָטש, אַ פּנים, אַ פֿאָלק־וואָרט. אויך איינס פֿון די זגאַלן פֿונעם מין שלענדערל (בערעזשקע) איז נישט נײַ.

ווער סע האָט באַשאַפֿן די ייִדישע עטנאָבאָטאַנישע, פּשוט־פֿאָלקישע טערמי־נאָלאָגיע? קודם־כּל, ווער מען ענטפֿערן, דאָס פֿאָלק. פֿאַקטיש מיינט עס: עמעצער, וואָס מיר ווייסן נישט ווי ער אָדער זי האָט געהייסן, אַן אַנאָנים. ניין, אַ סך „עמעצערס". נישט „דאָס פֿאָלק" האָט אויסגעפֿורעמט, למשל, שלענדערל, נאָר אַ יחיד מיט אַ שפּראַך־חוש און מיט איניציאַטיוו. נעזבורים וואַקסט פֿון דער קינדער־שפּראַך; איז ווידער דאָס אייגענע – ס'איז נישט געווען קיין קינדער־קאָנפֿערענץ, וווּ מע האָט עס מחדש געווען. איין קינד, אַן אַנאָנימס, האָט אויסגעניצט דעם פֿאַקט, אַז די פֿרוכטלעך פֿון דעם בוים זאָטלען קינדער אָן אויף די נעז, עלעהיי אַ פּענסנע, האָט עס, דאָס קינד, אַ פֿורעם געטון נעזבורים און מסתּם נישט איין קינד, נאָר אַ סך – העטעראָגענעז.

15) Foolsparsley

ווײַטער, ווי שוין אָנגעוויזן, האָבן זיך באַטייליקט אינעם פּראָצעס פֿון טער־מינאָלאָגישער שפּראַך־באַרײַכערונג אַגראָנאָמען, לערערס פֿון באָטאַניק און פֿון ייִדיש, פֿאַרטײַטשערס, שרײַבערס, לעקסיקאָגראַפֿן, שפּראַך־נאָרמירערס. בײַ טייל ווייסן מיר יאָ ווער־און־וואָס: שיִע־מרדכי ליפֿשיץ (מעלבוים), סוצקעווער (קרעלבוים אויפֿן סמך פֿון פּרילוצקיס אַ געפֿינס: קרעל, פֿון דער קינדערשפּראַך), אָבער, מייִנסטנס איז נישט גרינג צו דערגיין ווער סע האָט וואָס באַשאַפֿן.

# II. אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער



ווילדע ציקאָריע.

# 1. ווי צו ניצן דעם האַנטבוך געוויקסן־וועלט אין ייִדיש

געוויי האַלט עטלעכע טיילן: א) דאָס דרײַשפּראַכיקע ליטײַניש־ענגליש־ייִדישע טאַקסאָנאָמישע ווערטערביכל; ב) די ענגליש־ייִדישע מאָרפֿאָלאָגישע רשימה, ווו מיר ברענגען די ווערטער פֿאַר די וויכטיקסטע געוויקסטיילן אָדער סטאַדיעס אינעם אויסוואַקסן פֿון געוויקסן;[1] ג) די רשימה סימבאָלן, קירצונגען, מקורים, וואָס זי וועט זייער צו ניץ קומען בײַם באַניצן זיך מיטן ד) אַרומנעמיקן געוויקסן־און מקורים־ווײַזער, וואָס ער איז דאָס ייִדישע זוכצעטל צו געוויי;[2] ה) אַן ענגליש זוכצעטל צו געוויי. חוץ דעם – עטלעכע ייִדישע אַרײַנפֿיר־טיילן: אַ וואָרט פֿריִער, די הקדמה, דעם אַרײַנפֿיר און די אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער, ווי אויך די ענגלישע אַרײַנפֿיר־טיילן.

ווי מע זאָל ניצן געוויי? לאָמיר נעמען פֿאַרשיידענע סיטואַציעס:

1) עמעץ ווייסט שוין דעם ליטײַנישן, וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען פֿון אַ געוויקס און וויל וויסן דעם ייִדישן, דאַרף ער קוקן אינעם דרײַשפּראַכיקן ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל, וועט ער דאָרטן טרעפֿן דעם געזוכטן תּירוץ אויף דער קשיא.

2) עמעץ ווייסט דעם ייִדישן נאָמען פֿון אַ געוויקס אָדער זײַן פּרוכט און וויל וויסן דעם ענגלישן, דאַרף ער נאָכקוקן אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער, וועט ער אָדער

א) געפֿינען דעם ליטײַנישן טערמין אויף דער לינקער זײַט פֿון דער שורה מיטן ייִדישן נאָמען. דערנאָך דאַרף ער נאָכקוקן אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל, וועט ער געפֿינען דעם ענגלישן נאָמען. (אויב ער ווייסט, למשל, דאָס ייִדישע ליוביסטיק, וועט ער אינעם געוויקסן־און מקורים־ווײַזער אין דער שורה „ליוביסטיק" געפֿינען Levisticum officinale און דערנאָכדעם, אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטער־ביכל בײַם אָקערשט דער־מאָנטן וויסנשאַפֿטלעכן טערמין – דאָס ענגלישע lovage. אָדער וועט ער

ב) בײַם וואָרט, וואָס ער קען (אַ שטייגער, אַגרעסט) זען אַן אָפּשיק צון אַ צווייטן (אַגרעס). בײַם צווייטן וועט ער געפֿינען דעם ליטײַניש־

---

**1)** די מאָרפֿאָלאָגישע רשימה האָט, צום באַדויערן, נישט געקענט אַרײַן אין דעם באַנד. – ייִוואָ

**2)** ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דערגייט דער מקורים־ווײַזער בלויז ביז בֿ. – ייִוואָ

וויסנשאַפֿטלעכן טערמין, און דערנאָכדעם – אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל – דעם ענגלישן טערמין. ער קען אָבער

ג) געפֿינען בײַ אַ וואָרט צו פֿאָרמע, וואָס ער קען (לאָמיר אָנכאַפּן אַגעריסן צו אַגערעס, אַנגערעס, אָגראָזל, אַגרוסן, אַגריש, אַגרעשקע) אַ גלײַכצייכן (=) און דערנאָך אַ צווייט וואָרט, אין דעם פֿאַל אַגרעס. איז די פּראָצעדור די אייגענע וואָס בײַם פּונקט (ב) אויבן.

3) עמעץ ווייסט דעם ענגלישן נאָמען פֿון אַ געוויקס און וויל וויסן דעם ייִדישן, דאַרף ער נאָכקוקן אינעם ענגלישן זוכצעטל וואָס אין געווי, וועט ער זען אַ ציפֿער, וואָס ווײַזט, ווו אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל סע שטעקט די תּשובֿה אויף דער שאלה;

4) עמעץ ווייסט דעם העברעיִשן – אָדער אונגערישן, דײַטשישן, טשעכישן, פּוילישן, פֿראַנצייזישן, רומענישן, רוסישן, שפּאַנישן אאַז״וו – נאָמען, און ער וויל וויסן דעם ייִדישן, דאַרף ער אָפּזוכן אין אַן ענציקלאָפּעדיע צי אַן אַרומ־נעמיקן ווערטערבוך פֿון יענער שפּראַך דעם וויסנשאַפֿטלעכן (ליטײַנישן) נאָמען. דערנאָכדעם דאַרף ער נאָכקוקן אין אונדזער ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטער־ביכל. אויב דער ליטײַניש־וויסנשאַפֿטלעכער טערמין לאָזט זיך נישט אָפּזוכן, איז זאָל מען פּרוּוון געפֿינען דעם ענגלישן טערמין. דעמאָלט קען מען זיך באַניצן מיטן ענגלישן זוכצעטל אונדזערן, וואָס סע שיקט דאָך אָפּ צום דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל, ווו דער געזוכטער ענטפֿער שטייט און וואַרט...

5) עמעץ ווייסט דעם ענגלישן נאָמען פֿון אַ טייל אָדער אַן אַנטוויקל־סטאַדיע פֿון אַ געוויקס (petal, sepal, bast, sapling, seedling), און וויל וויסן דעם ייִדישן נאָמען, דאַרף ער ניצן די ענגליש־ייִדישע מאָרפֿאָלאָגישע רשימה אין געווי.[3]

6) אויב עמעץ שטויסט זיך אָן (אין דער ליטעראַטור אָדער אינעם גערעדטן לשון) אינעם ייִדישן נאָמען פֿון אַ געוויקס, דאַרף ער אָנקומען צום געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער, וועט ער געוויר ווערן צי דאָס איז אַן אמתדיק געוויקס צי נאָר אַ פּאָעטישע פֿורעמונג, אַן אימאַזש, וואָס ער כאַפּט טאַקע דעם אָנבליק פֿון אַן אמתן געוויקס־נאָמען, אָבער איזן איז ער עס נישט, ער איז אַ כּמו טערמין.

7) אויב עמעץ ווייסט איינעם פֿון עטלעכע סינאָנימען פֿאַר אַ געוויקס (לאָמיר זאָגן: דעמב, דעמבע, דעמבענער בוים, דובאָוועך בוים, דוב, דאָמב, אייכלבוים, אייכנבוים, סטעזשאַר אאַז״וו) און ער וויל וויסן, וואָס סע ווערט איז געווי רעקאָמענדירט פֿאַר דעם נאָרמירטן טערמין, זאָל ער אַ קוק טאָן אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער אונטער דעם איינעם אים באַקאַנטן טערמין. ער וועט זען, אַז אָדער סע ווערט בײַ דעם וואָרט געגעבן דער ליטײַניש־וויסנשאַפֿטלעכער טערמין – איז אַ סימן, אַז דאָס איז דער רעקאָמענדירטער סטאַנדאַרדיזירטער ייִדישער טערמין; אָדער שטייט אַ גלײַכצייכן – איז עס אַ סימן, אַז ס׳איז אַ דערלאָזלעכער סינאָנים, על־כּל־פּנים אין דער רעדשפּראַך, אין דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע; אָדער שטייט דער אָנווײַז זען – איז עס אַ סימן, אַז מע זאָל גיכער ניצן דאָס וואָרט וואָס נאָכן זען. דער אָנווײַז זען סימבאָליזירט דאָך אַן אָפּשיק, ער ווײַזט אָן אויף אַ וואָרט צי פֿאָרמע, וואָס דער צונויפֿשטעלער פֿון געווי האַלט פֿאַר ריכטיקער, בעסער.

---

3) זען הערה 1.

# 2. וועגן ליטוויִש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל

פֿאַר וואָס מיר האָבן אויסגעסדרט די רשימה טערמינען לויט זייערע ליטווי־נישע טערמינען איז קלאָר: די ליטווייִשע נעמען זענען דאָך דער וויסנשאַפֿט־לעכער סטאַנדאַרד, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרויסגיי־פּונקט פֿון אַלע נאָרמירטע נאַציאָנאַלע טערמינאָלאָגיעס אין די נאַטור־וויסנשאַפֿטן. ייִדיש קען נישט זײַן קיין יוצא־מן־הכּלל.

און וואָס זאָל מען טאָן, אַז מע ווייסט נישט דעם ליטווייִשן נאָמען, נישט דעם ענגלישן? זאָל מען, ווי געזאָגט, אַ קוק טאָן אין אַן ענציקלאָפּעדיע אָדער אַן אַרומנעמיקן ווערטערבוך פֿון אַ לשון, וואָס מע קען גוט, וועט מען דאָרטן דערגיין דעם ליטווייִשן נאָמען פֿונעם געזוכטן וואָרט. ווי באַלד מע וועט דאָס וויסן, וועט מען אינעם ליטוויִש־ענגליש־ייִדישן ווערטערבוך קענען אָפּזוכן דעם רעקאָמענדירטן ייִדישן נאָמען פֿונעם שייכדיקן געוויקס.

אויב מיר ברענגען נישט אינעם ליטוויִש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל קיין ייִדישן עקוויוואַלענט פֿונעם ליטווייִשן נאָמען, איז דערפֿון צו דרינגען, אַז קיין אייגענער, ייִדישער טערמין איז נישטאָ, און מע זאָל ניצן דעם אינטערנאַציאָנאַל־ליטווייִשן טערמין (איבערגעשריבן מיט ייִדישע אותיות).

אויב דער נאָמען פֿון אַ באַטאַנישן מין איז אידענטיש אין ליטוויִש, ענגליש און ייִדיש, פֿאַרצייכענען מיר אים נישט אינעם ליטוויִש־ענגליש־ייִדישן ווערטער־ביכל, סײַדן מיר פֿאַרצייכענען דאָרטן אויך די טאַקסאָנאָמיש נידעריקערע איינסן זײַנע, ד״ה די זגאַלן. אָט הייסט אַ געוויקסן־מין אי אויף ליטוויִש, אי אויף ענג־ליש Danthonia (און אויף עבֿרית אויך אַזוי: דנתוניה). ברענגען מיר אים נישט אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל. פֿון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז אויך אויף ייִדיש רעקאָמענדירן מיר דער מין זאָל הייסן דאַנטאָניע. דערבײַ דאַרף מען אָבער געדענקען דעם כּלל: דער ליטווייִשער אויסלאָז ia- רופֿט זיך איבער אויף ייִדיש מיט ־יע, און דער קוועטש איז אויפֿן טראַף וואָס פֿאַר דעם.

פֿאַראַן אינעם ליטוויִש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל אַ סך פֿאַלן, ווו מיר גיבן – אין פֿלוג – נאָר דעם זגאַלנאָמען, אָבער נישט דעם מין־נאָמען. ווי זאָל מען עס טײַטשן? אויף צווייערליי אופֿנים:

א) דער מין־נאָמען איז אַ טייל פֿונעם זגאַלנאָמען, און במילא קען מען פֿונעם זגאַלנאָמען אַרויסדרינגען דעם מין־נאָמען. אַ משל: פֿונעם זגאַלנאָמען בלאָ־

גלעקעלע (Campanula rotundifolia) קען מען אַרויסדרינגען, אַז גלעקעלע איז דער מין־נאָמען, ד״ה ר׳איז דער עקוויוואַלענט פֿונעם ליטײַנישן Campanula, בעת בלאָ איז דער ספּעציפֿיצירנדיקער צוגאָב (rotundifolia).ביידע אין איינעם זענען דער זגאַלנאָמען. דערבײַ דאַרף מען אָבער אין זינען האָבן, אַז אויב דער זגאַלנאָמען איז אַ צונויפֿהעפֿט מיט ־בוים, ־ביימל, ־בלאַט, ־בלעטל, ־בלום, ־בלימל, ־גראָז, ־פּאַלמע, ־קאַקטוס, ־קוסט, ־קעפּל, ־קרײַטעכץ, ־שוועמל ווי אַ צווייטן עלעמענט, איז אָט דער צווייטער עלעמענט נישט דער נאָמען פֿונעם מין. פֿאַראַן פֿונדעסטוועגן עטלעכע אויסנעמען: אין וואַסערפּעסט, ווינטערקרעס, יופּיטערס־באָרד, ים־פֿאָדעם, פּאַסטעך־בײַטל, קוקו־שיכעלעך און רפֿואה־צעטעלעך איז דער צווייטער עלעמענט פֿונעם צונויפֿהעפֿט נישט דער נאָמען פֿונעם זגאַל; דער גאַנצער צונויפֿהעפֿט איז דער נאָמען פֿונעם זגאַל. אויך אַנאַנאַס־בוים איז אַ יוצא־מן־הכּלל: אַנאַנאַס איז דער נאָמען פֿונעם מין (Ananas) און אַנאַנאַס־בוים – דער נאָמען פֿונעם זגאַל (Ananas comosus).

ב) אויב דער ייִדישער זגאַלנאָמען איז נישט קיין צווייגלידיקער, למשל גראַמאַפֿאָנדל (Campanula rapunculoides), קען מען דעם נאָמען פֿונעם מין נישט אַרויסדרינגען.

די געוויקסן וואָס אויף ענגליש הייבט זיך זייער זגאַלנאָמען אָן מיט common, garden, edible, cultivated, medicinal, etc. (און אין עבֿרית מיט מצוי אאַז״וו), ברענגען מיר בײַ זייערע ייִדישע עקוויוואַלענטן דעם שייכדיקן ספּעציפֿי־צירנדיקן צוגאָב – סתּם, געוויינטלעך, עסעוודיק, קולטיווירט, גאָרטן־, רפֿואה(דיק), מעדיצייניש אאַז״וו – אײַנגערינגלט, ד״ה דער פּינקטלעכער נאָמען פֿאָדערט דעם אײַנגערינגלטן עלעמענט אויך, אָבער אינעם לשון־בכל־יום היפּט מען אים איבער. דעם ספּעציפֿיצירנדיקן צוגאָב היפּט מען איבער אין אַלע לעבעדיקע שפּראַכן, ווי באַלד סע רעדט זיך וועגן דעם סאַמע אָפּטסט געניצטן, דעם סאַמע באַוווּסטן זגאַל. אינעם ליטײַנישן וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען ווערט אָבער דער ספּעציפֿיצירנדיקער צוגאָב – sativus, communis, etc. – נישט איבערגעהיפּט. בײַם ליטײַנישן נאָמען פֿאַרשטייט מען נישט קיין חכמות, דאָרטן פֿירט מען זיך לפֿנים משורת הבאָ־טאַנישן דין.

אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער אין געווי זענען פֿאַרצייכנט אַלע איין און צוואָנציק סינאָנימען און וואַריאַנטן פֿון Taraxacum officinale, וואָס ס׳איז אונדז געראָטן זיי אָפּצוזוכן: אַדוואַנטשיק, בלאָזאַק, בלאָזיק, בלאָזבלום, בלאָזבלימל, בלאָזבלימעלע, בלינדע בלום, בלעזעלע, בלעזערל, טאַראַקסאַגאָן, לופּטל, לופּטשיקל, לייבנצאָן, מענער־טרײַהייט, פֿרויען־טרײַהייט, פּוסטערבלום, פּוכבלום, פּוכבלימל, פּוכקעפּל, פּעלדבלעזל, קרבלום און קולבע; אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל ברענגען מיר אָבער נאָר צוויי. אָט דאָס ווערטערביכל איז, הייסט עס, נאָרמאַטיוו און סעלעקטיוו, בשעת דער געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער איז דעסקריפּטיוו און מיט אַ נטיה צו אויסשעפּיקייט.

# 3. דער שליסל פֿון פּרט־נעמען

דאָס דרײַשפּראַכיקע ליטײַניש־ענגליש־ייִדישע ווערטערביכל אין געווי ברענגט 4288 ייִדישע עקוויוואַלענטן פֿון ליטײַניש־אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען, אַרײַנגערעכנט סינאָנימען און וואַריאַנטן. פֿאַקטיש קען אָבער איטלעכער ניצער פֿון געווי וויסן דעם ייִדישן נאָמען פֿון אַ סך מער ווי 4288 געוויקסן. ווי אַזוי? לאָמיר זאָגן, עמעץ לייענט ערגעץ וועגן דעם געוויקס Cytisus austriacus/Austrian Broom און ער פֿרעגט זיך „ווי איז עס אויף מאַמע־לשון?". ער גיט אַ קוק אין אונדזער ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל לויטן אַלפֿאַבעטישן סדר און ער זעט, אַז Cytisus איז אויף ייִדיש באָבבוים, אָבער קיין זגאַלנאָמען פֿאַר Cytisus austriacus איז דאָרטן נישטאָ. דאַרף ער אַ קוק טאָן אינעם שליסל פֿון פּרט־נעמען דאָ ווײַטער, וועט ער זען: <u>עסטרײַכש</u> Austriacus/Austrian. דאָס איז דער פֿאַרענפֿער פֿונעם פּראָבלעם: איינס און איינס איז צוויי – עסטרײַכש פּלוס באָבבוים איז עסטרײַכשער באָבבוים. אמת, דער מענטש דאַרף קענען אַ מינימום ייִדישע גראַמאַטיק און וויסן, אַז בוים, און במילא באָבבוים, איז לשון־זכר, במילא נישט סתּם „עסטרײַכש", נאָר עסטרײַכשער באָבבוים. אויב, ווידער, דער באַניצער פֿון געווי לערנט זיך ערשט ייִדיש און ר'איז נאָך נישט זיכער מיטן גראַמאַטישן מין פֿון בוים און במילא פֿון באָבבוים, איז קען ער נאָכקוקן אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער, וועט ער שוין זען, אַז ס'איז דער באָבבוים.

אַוודאי, אינעם נאָר וואָס געברענגטן משל קען אַ גוטער ייִדיש־ און ענגליש־קענער זיך באַגיין אָנעם שליסל פֿון פּרט־נעמען, וואָרן ער ווייסט דאָך, אַז עסטרײַכיש אָדער עסטרײַכש איז דער אַקעגענער פֿונעם שייכדיקן ענגלישן וואָרט. פֿונדעסטוועגן איז גוט זיך צו באַניצן מיט אָט דעם שליסל, וואָרן אַ מאָל קענען זיך מאַכן סורפּריזן. פֿון וואַנעט, אַ שטייגער, זאָל דער ניצער פֿון געווי וויסן, אַז כאָטש ווי אַ היסטאָרישער און געאָגראַפֿישער טערמין איז דער עקוויוואַלענט פֿון Pannonicus אויף ייִדיש פּאַנאָניש, איז עס אין גבֿול פֿון דער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע גאָר אונגעריש? אַ כּלל, מיט דער הילף פֿונעם שליסל פֿון פּרט־נעמען ברייטערט זיך אויס דער היקף פֿון דער טערמינאָלאָגיע מיט נאָך הונדערטער זגאַלן.

מיר חזרן איבער: אויב מע וויל וויסן, ווי סע איז אויף ייִדיש דער רעקאָמענדירטער נאָמען פֿאַר אַזוינע געוויקסן ווי Calendula palaestina, Ligustrum amurense, Atriplex tatarica, Fritillaria arabica, דאַרף מען נאָכקוקן ווי איז אויף ייִדיש די ערשטע העלפֿט פֿונעם צווייגלידיקן נאָמען, דאָס הייסט דער נאָמען פֿון מין:

**דערנאָכדעם דאַרף מען געבן אַ קוק** Calendula, Ligustrum, Atriplex, Fritillaria. **אינעם שליסל פֿון פּרט־נעמען דאָ ווײַטער, וועט מען וויסן די תּשובֿה אויף דער שאלה:** ארץ־ישׂראלדיק ראש־חודשל, אַמורער ליגוסטער, טאָטערשע לאָבעדע, אַראַבישער קרוינקווייט.

**אויף ווי ווײַט דער שליסל פֿון פּרט־נעמען ברייטערט אויס דעם פֿאַרנעם פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור קען מען ווײַזן מיט אַזאַ משל: דאָס דרײַשפּראַכיקע ווערטערביכל אין** געווי **ברענגט צוואָנציק זגאַלן רויז. מיט דער הילף פֿונעם שליסל פֿון פּרט־נעמען קען מען אָבער געוואָר ווערן אויך די ייִדישע נעמען פֿון:** Rosa alberti, R. arkansana, R. arnoldiana, R. aschersoniana, R. banksiae, R. barbierana, R. beggeriana, R. borboniana, R. bruanti, R. brunoni, R. californica, R. carolina, R. chinensis, R. damascena, R. davidi, R. davurica, R. duponti, R. engelmanni, R. fargesi, R. forrestiana, R. francofurtana, R. gallica, R. hawrana, R. heckeliana, R. helenae, R. hemsleyana, R. henryi, R. hibernica, etc., etc. **דהײַנו:** אַלבערטס רויז, אַרקאַנסער רויז, אַרנאָלדס רויז, אַשערסאָנס רויז, באַנקסי רויז, באַרביעס רויז, בעגערס רויז, בורבאָנס רויז, ברואַנטס רויז, בראַונסי רויז, קאַליפֿאָרניער רויז, קאַראָלינער רויז, כינעזישע רויז, דמשׂקער [DAME'SEKER] רויז, דאַווידס רויז, דאַוורישע רויז, דופּאָנטס רויז, ענגלמאַנס רויז, פֿאַרגעסעס רויז, פֿאָרעסטס רויז, פֿראַנקפֿאָרטס רויז, פֿראַנצייזישע רויז, האַווראַנס רויז, העקלס רויז, העלענעס רויז, העמסליס רויז, הענריס רויז, אירלענדישע רויז **און נאָך און נאָך – מסתּם נאָך אַן 80־90 נעמען.**

# 4. דער געאָגראַפֿיש־עטנישער זוכצעטל צו באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע

די דאָ אויסגערעכנטע רשימה איז תּמיד חל אויף זגאַל־נעמען, נישט אויף קיין נעמען פֿון מינים. זי איז אויסן צו קענען דערגיין דעם נאָמען פֿון אַ סך הונדערטער געוויקסן, וואָס זיי זענען אין אונדזער ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן באָטאַנישן ווערטערביכל נישט אויסגערעכנט.

לויטן טיטל קען מען זען, אַז די רשימה נעמט אַרום נעמען פֿון מקומות און פֿעלקער. אין דער אמתן נעמט זי אַרום אויך עטלעכע נעמען פֿון מענטשן (באָטאַניקערס א״אַ), וואָס מע האָט נאָך זיי אָנגערופֿן אַ געוויקס.

אַ וויכטיק באַוואָרעניש. ווי שוין געזאָגט, דאַרף מען די געאָגראַפֿיש־עטנישע רשימה ניצן נאָר אויב מע זוכט דעם ייִדישן נאָמען פֿון אַ געוויקס און מע געפֿינט אים נישט אין אונדזער ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן באָטאַנישן ווערטערביכל. אין אָט דעם טערמינאָלאָגישן ווערטערביכל זענען דאָך דאָ פֿאַלן ווו די עקוויוואַלענץ איז אַ פֿאַרשטערטע. Quercus halepensis, למשל, איז אין דעם ווערטערביכל נישט „אַלעפּער דעמב״, נאָר ירושלימער דעמב, פּונקט ווי אויף עבֿרית. אין דעם שײַכות – אַ טשיקאַווע פּרטל. ווען כ׳האָב געלייענט געאָבאָטאַנישע אָפּמשלונגען האָב איך ערגעץ געלייענט, אַז דער Quercus halepensis וואַקסט אויף די וועגן וואָס פֿירן קיין ירושלים, האָב איך זיך געקלערט: פֿאַר וואָס זאָלן מיר אויף מאַמע־לשון דעם בוים אָנרופֿן „אַלעפּאָ־דעמב״ צי „אַלעפּער דעמב״ און דערמיט „אָפּגעבן כּבֿוד״ דער סירישער שטאָט? אַמאַי לאָמיר בעסער אויף אַ ייִדישלעכן שטייגער עס פֿאַרבינדן מיט ירושלים, ובפֿרט, אַז סע וואַקסט דאָך נישט נאָר אין אַלעפּאָ, נאָך אויך אין ירושלים? איז געבליבן עס אָנצורופֿן ירושלימער דעמב. אַ צײַט שפּעטער זענען מיר געוויער געוואָרן פֿונעם מגדיר לצמחי ארץ ישראל, אַז אויף עבֿרית איז עס טאַקע אלון ירושלמי. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בן־גוריון און בן־צבֿי האָבן אין זייער געאָגראַפֿיע פֿון ארץ־ישׂראל עס אויף ייִדיש אָנגערופֿן ירושלימער דעמב. אַ טשיקאַווער פֿאַל פֿון העטעראָגענעז.

| | | |
|---|---|---|
| Aaronis | Aaron’s | אַהרנס [ARNS] |
| Abyssinic(us/a/um) | Abyssinian; Ethiopian | אַביסי׳ניש |
| Aegyptiac(us/a/um) | Egypt(ian) | מי׳צריש |
| Aethiopic(us/a/um) | Ethiopian | עטיאָ׳פּיש |

| | | |
|---|---|---|
| Aetnens(is/e) | Aetna | ע׳טנע־ |
| African(us/a/um) | African | אַפֿריקאַ׳נער |
| Alaskan(us/a/um) | Alaska | אַלאַ׳סקער |
| Albanic(us/a/um) | Albanian | אַלבאַ׳ניש |
| Alberti | Albert | אַ׳לבערטס |
| Alexandrin(us/a/um) | Alexandria | אַלעקסאַנדרי׳נער |
| Allepic(us/a/um) | Aleppo | אַלע׳פּער |
| Allegheniens(is/e) | Allegany | אַלעגאַ׳נער |
| Alpin(us/a/um) | Alpine | אַלפּן־ |
| Altaic(us/a/um) | Altai | אַלטײַ׳ער |
| Amalecitan(us/a/um) | | עמלקיש [AMOLE’YKISh] |
| American(us/a/um) | American | אַמעריקאַ׳נער |
| Amurens(is/e) | Amur | אַמו׳רער |
| Anatolic(us/a/um) | Anatolian | אַנאַטאָ׳ליש |
| Andin(us/a/um) | Andes | אַ׳נדיש |
| Angolens(is/e) | Angola | אַנגאָ׳לער |
| Antarctic(us/a/um) | Antarctic | אַנטאַ׳רקטיש |
| Arabic(us/a/um) | Arabian | אַראַ׳ביש |
| Arctic(us/a/um) | Arctic | אַ׳רקטיש |
| Arizonic(us/a/um) | Arizona | אַריזאָ׳נער |
| Arkans(us/a/um) | Arkansas | אַרקאַ׳נסער |
| Armandi | Armand | אַ׳רמאַנדס |
| Armeniac(us/a/um) | Armenian | אַרמע׳ניש |
| Arnoldi | Arnold | אַ׳רנאָלדס |
| Ascalonic(us/a/um) | | אַשקלונער [AShKELO’NER] |
| Aschersonian(us/a/um) | Ascherson | אַ׳שערסאָנס |
| Asiatic(us/a/um) | Asia(n) | אַזיאַ׳טיש |
| Atlantic(us/a/um) | Atlantic | אַטלאַ׳נטיש |
| Aucheri | Aucher | אָשע׳ס |
| Audleyens(is/e) | Audley | אָ׳דליס |
| Austral(is/e) | Southern | דרומדיק [DO’REMDIK] |
| Austriac(us/a/um) | Austrian | ע׳סטרײַכ(י)ש |
| Babylonic(us/a/um) | Babylonian | בבֿל־ [BOVL]<br>/ בבֿליש [BA’VLISh] |
| Balfouri | Balfour | באַ׳לפֿורס |
| Baltic(us/a/um) | Baltic | באַ׳לטיש |
| Banksiae/Banksian(us/a/um) | | באַנקס׳ |
| Barbieran(us/a/um) | Barbier | באַרביע׳ס |
| Baroni | Baron | באַראָ׳נס |
| Beadleyi | Beadle | בידלס |
| Beaumontiana | Beaumont | באָמאָ׳נטס |
| Bebbiana | Bebb | בעבס |
| Beggerian(us/a/um) | Begger | בע׳גערס |
| Benderi | Bender | בע׳נדערס |

| | | |
|---|---|---|
| Bermudian(us/a/um) | Bermuda | בערמו׳דער |
| Bersabeens(is/e) | | באר־שבֿער [BERShE'VER] |
| Berythe(us/a/um) | Beirut | ביירו׳טער |
| Bessarabic(us/a/um)[1] | Bessarabian | באַסאַראַ׳בער |
| Bethlemitic(us/a/um) | Bethlehem | בית־לחם־ [BE(Y)SLE'KhEM] |
| Boissieri | Boissier | בואַסיע׳ס |
| Borbonian(us/a/um) | Bourbon | בורבאָ׳נס |
| Boreal(is/e) | Northern | צפֿונדיק [TSO'FNDIK] |
| Boydi | Boyd | בוידס |
| Borysthenic(us/a/um) | Dniepr | דניעפּ־ |
| Braziliens(is/e) | Brazil | בראַזי׳ליש |
| Bruanta | Bruants | ברואַ׳נטס |
| Bucharic(us/a/um) | Buchara | בוכאַ׳רער |
| Bucovinens(is/e) | Bukovina | בו׳קעווינער |
| Brunoni | Browns | בראַונס |
| Byzantin(us/a/um) | Byzantine | ביזאַנטי׳ניש |
| Caelesyriac(us/a/um) | Syrian | סי׳ריש |
| Californic(us/a/um) | California | קאַליפֿאָ׳רניער |
| Canadens(is/e) | Canada | קאַנאַ׳דער |
| Canariens(is/e) | Canary | קאַנאַ׳ריש |
| Cantabric(us/a/um) | Cantabrian | קאַנטאַ׳בריש[2] |
| Capens(is/e) | Cape | קאַ׳פּלענדיש |
| Caracasan(us/a/um) | Caracas | קאַראַ׳קאַסער |
| Caramanic(us/a/um) | Crimean | קרי׳מער |
| Carelic(us/a/um) | Carelian | קאַרע׳ליש |
| Carolin(us/a/um); Carolinens(is/e) | Carolina | קאַראָליי׳נער |
| Carpathic(us/a/um) | Carpathian | קאַרפּאַ׳טיש |
| Carmeli | | כּרמלס [KARMLS] |
| Caucasic(us/a/um) | Caucasian | קאַווקאַ׳זיש |
| Chiliens(is/e) | Chilean | טשילע׳נער |
| Chinens(is/e) | Chinese | כינע׳זיש |
| Cocksi | Cooks | קאָקס׳ |
| Columbian(us/a/um) | Columbia | קאָלו׳מביער |
| Constantinopolitan(us/a/um) | | סטאַמבל־ |
| Coulteri | Coulter | קו׳לטערס |
| Cretic(us/a/um) | Crete | קרע׳טיש |
| Croatic(us/a/um) | Croatian | קראָאַ׳טיש |
| Cyprian(us/a/um) | Cyprus | קפֿריסין־ [KAFRI'SN]/קי׳פּראָס־ |
| Dalmatic(us/a/um) | Dalmatian | דאַלמאַ׳טיש |

1) אין איין סאָוועטישן מקור אויסגעלייגט Basarabicum.

2) נאָך אַ פּראָווינץ אין שפּאַניע. די העברעיִשע באָטאַניקערס האָבן עס געקערט פּלאָנטערן מיט קאַלאַבריע – אַ פּראָווינץ אין איטאַליע. במילא האָבן זיי דעם זגאַל אָנגערופֿן Calabric(us/a/um).

| | | |
|---|---|---|
| Damascen(us/a/um) | Damascus | [DAME'SEKER] דמשׂקער |
| Danubial(is/e) | Danube | טי׳נע־ |
| Davidi | David | דאַווי׳דס |
| Davisisianum | Davis | דיי׳וויסעס |
| Davuric(us/a/um)[3] | Dahurian | דאַו׳ריש |
| Dniproic(us/a/um) | Dniepr | דניעפּ־ |
| Domingens(is/e) | Dominican | דאָמיניקאַ׳נער |
| Duponti | Dupont | דופּאָ׳נטס |
| Durandi | Durand | דוראַ׳נדס |
| Edume(us/a/um) | | [EDO'YMER] אדומער |
| Ehrenbergi | Ehrenberg | ע׳רנבערגס |
| Eigii | Eig | אייגס |
| Engelmanni | Engelmann | ע׳נגלמאַנס |
| Erdelii | [Erdel] | ע׳רדעלס |
| Etrusc(us/a/um) | Etruscan | עטרו׳סקיש |
| Euphratic(us/a/um) | Euphrates | [PROS] פּרת־ |
| Europae(us/a/um) | European | אייראָפּע׳יִש |
| Euxim(us/a/um) | Black Sea | [..YA'MIK] שוואַרץ־ימיק |
| Faktorovskyi | [Faktorovsky] | פֿאַקטאָראָ׳ווסקיס |
| Fargesi | Farges | פֿאַ׳רגעסעס |
| Floridan(us/a/um) | Florida | פֿלאָ׳רידער |
| Formosan(us/a/um) | Formosa | פֿאָרמאָ׳זער |
| Forrestiana | Forrest | פֿאָ׳רעסטס |
| Francofurtana | Frankfort | פֿראַ׳נקפֿאָרטס |
| Galilae(us/a/um) | | [GO'LELER] גלילער |
| Gallic(us/a/um) | French | פֿראַנצײ׳זיש |
| Gennesaretan(us/a/um) | | [KINE'RES] כּנרת־ |
| Georgian(us/a/um) | Georgia | דזשאָ׳רדזשיער |
| German(us/a/um) | German | דײַ׳טשלענדיש |
| Gileadens(is/e) | Gilead | [GI'LODER] גלעדער |
| Graec(us/a/um); Graecizans | Grecian | גרע׳קיש |
| Guadelupens(is/e) | Guadeloupe | גוואַדעלו׳פּער |
| G(u)ayan(us/a/um) | Guiana | גוויאַ׳נער |
| Halepens(is/e) | Aleppo (see also Allepic) | אַלע׳פּער |
| Hawrana | Hawran | האַ׳וראַנס |
| Hebronic(us/a/um) | [Hebron] | [KhE'VRENER] חבֿרונער |
| Heckeliana | Heckel | העקלס |
| Heldreichi | Heldreich | הע׳לדרײַכס |
| Helenae | Helene | העלע׳נעס |
| Hellenic(us/a/um) | | גרע׳קיש |
| Hemsleyana | Hemsley | הע׳מסליס |
| Henryi | Henry | הע׳נריס |

3) טרעפֿט זיך אויך ווי ...Dauric ;...Dahuric.

| | | |
|---|---|---|
| Hermon(is/e) | | חרמון־ [KhE'RMEN] |
| Hibernic(us/a/um) | Irish | אי׳רלענדיש |
| Hierochuntin(us/a/um) | Jericho | יריחור [YERI'KhER] |
| Hierosolymitan(us/a/um) | Jerusalem | ירושלימער [(YE)REShELA'YEMER] |
| Highdownens(is/e) | Highdown | הײַ׳דאַונער |
| Himalayan(us/a/um) | Himalaya | הימאַלײַ׳ער |
| Hispanic(us/a/um) | Hispania; Spanish | שפּאַ׳ניש |
| Hulens(is/e) | | חולה־ [KhU'LE] |
| Iberic(us/a/um) | Iberian | איבע׳ריש |
| Illinoens(is/e) | Illinois | אילינוי׳ער |
| Illyric(us/a/um) | | אילי׳ריש |
| Indic(us/a/um) | India | אי׳נדיש |
| Israelonic(us/a/um) | | יזרעאל־ [I'ZREEL] |
| Italic(us/a/um) | Italian | איטאַליעניש[4] |
| Ithaburens(is/e) | Tabor | תּבורער־ [TO'BERER] |
| Ivorens(is/e) | Ivory Coast | העלפֿאַ׳נדביין־ברע׳גער |
| Jacksoni | Jackson | דזשע׳קסאָנס |
| Japponic(us/a/um) | Japanese | יאַפּאַ׳ניש |
| Jordanicol(us/a/um) | Jordan | ירדן־ [YA'RDN] |
| Judaic(us/a/um) | Judea | יהודהר [Y(EH)U'DER][5] |
| Kochiana | Koch | קאָכס |
| Kahiric(us/a/um); Kahirin(us/a/um) | Cairo | קאַהי׳רער |
| Korean(us/a/um); Koraiens(is/e) | Korean | קאָרע׳ער |
| Kurdic(us/a/um) | Kurd | קו׳רדיש |
| Labradoric(us/a/um) | Labrador | לאַבראַדאָ׳רער |
| Laconic(us/a/um) | | גרע׳קיש |
| Lapponic(us/a/um) | Lappland | לאַ׳פּלענדיש |
| Libani; Libanotic(us/a/um) | Lebanon | לבֿנון־ [LEVO'NEN] |
| Ligustic(us/a/um) | | ליגו׳ריש |
| Lithuanic(us/a/um) | Lithuania | לי׳טוויש |
| Lodomeriens(is/e) | | לו׳דמערער |
| Louisian(us/a/um) | Louisiana | לויִזיאַ׳נער |
| Luchuens(is/e) | Luchu | לו׳טשו־ |
| Luciae | Lucia | לו׳ציעס |
| Lusitanic(us/a/um) | Portuguese | פּאָרטוגאַ׳לער |
| Lybic(us/a/um) | Libya | לי׳ביש |
| Macouni | Macoun | מאַקו׳נס |
| Madagascariens(is/e) | Madagascar | מאַדאַגאַ׳סקאַרער |
| Malyi | Maly | מאַ׳ליס |

**4)** אין דער פֿאָלקשפּראַך: [TALE'YNISh].
**5)** כאָטש דער מענער־נאָמען יהודה ווערט אַרויסגערעדט [YU'DE/YI'DE].

| | | |
|---|---|---|
| Manca | Mancos | מאַ׳נקאָסעס |
| Mandshuric(us/a/um) | Manchurian | מאַנדזשו׳רער |
| Marcyona | Marcy | מאַ׳רציס |
| Marilandic(us/a/um) | Maryland | מע׳רילענדיש |
| Maris-mortui | Dead Sea | ים־המלח־ [YAMAME'YLEKh] |
| Martinicens(is/e) | Martinique | מאַרטיני׳קער |
| Mauritanic(us/a/um) | Mauritania | מוריטאַ׳ניש |
| Maximowicziana | Maximowicz | מאַקסימאָ׳וויטשעס |
| Mediterrane(us/a/um) | Mediterranean | מיטל־ים־ [YAM] |
| Memphitic(us/a/um) | Memphis | מע׳מפֿיסער |
| Merkusi | Merkus | מע׳רקוסעס |
| Mesopotamic(us/a/um) | | מעסאָפּאָטאַ׳מיש |
| Mexican(us/a/um) | Mexico | מעקסיקאַ׳נער |
| Michiganens(is/e) | Michigan | מי׳שיגען |
| Missouriens(is/e) | Missouri | מיזו׳רי־ |
| Moabitic(us/a/um) | | מואבֿער [MO'YEVER] |
| Mohavens(is/e) | Mohave | מאָהאַ׳ווער |
| Moldavic(us/a/um) | Moldavian | מאָ׳לדעווער |
| Mongolic(us/a/um) | Mongolian | מאָנגאָ׳ליש |
| Monspeliac(us/a/um); Monspessulan(us/a/um); Monspeliens(is/e) | Montpelier | מאָנפּעליע׳ער |
| Montanens(is/e) | Montana | מאָנטאַ׳נער |
| Montezumae | Montezuma | מאָנטעזו׳מאַס |
| Mukacens(is/e) | Mukacevo | מו׳נקאַטשער |
| Napaulens(is/e) | Nepal | נעפּאַ׳לער |
| Narbonens(is/e) | Narbonne | נאַרבאָ׳נער |
| Natalens(is/e) | Natal | נאַטאַ׳לער |
| Nazaren(us/a/um) | Nazareth | נצרתער־ [NETSE'RESER] |
| Negevian(us/a/um) | Negev | נגבֿער־ [NE'GEVER] |
| Nepalensis | Nepal | נעפּאַ׳לער |
| Nevadens(is/e) | Nevada | נעוואַ׳דער |
| Nilotic(us/a/um) | Nile | ניל־ |
| Novae Angliae | New England | נײַ־ע׳נגלענדיש |
| Novomexican(us/a/um) | New Mexican | נײַ־מע׳קסיקע־ |
| Novo-zelandic(us/a/um) | New Zealand | נײַ־זע׳לענדיש |
| Nubic(us/a/um) | Nubian | נו׳ביש |
| Nutkan(us/a/um) | Nootka | נו׳טקער |
| Nyasic(us/a/um) | Nyassa | ניאַ׳סער |
| Occidentalis | Western | מערבֿדיק [MA'YREVDIK] |
| Oregan(us/a/um) | Oregon | אָרעגאָ׳נער |
| Oriental(is/e) | Oriental | אָריענטאַ׳ליש |
| Ozarken(is/e) | Ozark | אָ׳זאַרקער |
| Pacific(us/a/um) | Pacific | פּאַצי׳פֿיש |

| | | |
|---|---|---|
| Palaestin(us/a/um) | Palestine | ארץ־ישׂראל־ [ERTSISRO'L] |
| Pannonic(us/a/um) | Hungarian | אונגעריש |
| Patagonic(us/a/um) | Patagonian | פּאַטאַגאָניש |
| Pennsylvanic(us/a/um) | Pennsylvania | פּענסילוואַניער |
| Persic(us/a/um) | Persian | פּערסיש |
| Peruvian(us/a/um) | Peru/Peruvian | פּערוּוויאַנער |
| Philippinens(is/e) | Philippine | פֿיליפּינער |
| Philistae(us/a/um) | | פּלישתּיש |
| Phoenice(us/a/um) | Phoenician | פֿעניקיש |
| Polonic(us/a/um) | Poland; Polish | פּויליש |
| Pontic(us/a/um) | Black Sea | שוואַרץ־ימיק [...YA'MIK] |
| Pyrenaic(us/a/um); Pyrenae(us/a/um) | Pyrenees | פּירענעיִש |
| Roman(us/a/um) | Roman | רוימיש |
| Sargenti | Sargent | סאַרדזשענטס |
| Ruthenic(us/a/um) | Ruthenian | קרײַנער |
| Sachalinens(is/e) | Sakhalin | סאַכאַלינער |
| Savranic(us/a/um) | Savran | סאַווראַניער |
| Saximontan(us/a/um) | Rocky Mountain | ראָקיבערגיש |
| Schimperi | | שימפּערס |
| Senegalens(is/e) | Senegal | סענעגאַלער |
| Sharonens(is/e) | Sharon | שרונער [ShO'RENER] |
| Sibiric(us/a/um) | Siberian | סיבירער |
| Sicul(us/a/um) | | צידונער [TSIDO'YNER] |
| Sikkimens(is/e) | Sikkim | סיקימער |
| Sinaic(us/a/um) | Sinai | סיניער [SI'NAYER] |
| Sinens(is/e) | Chinese | כינעזיש |
| Sitchens(is/e) | Sitka | סיטקער |
| Sonomens(is/e) | Sonoma | סאָנאָמער |
| Sudanens(is/e) | Sudan | סודאַנער |
| Surinamens(is/e) | Surinam | סורינאַמער |
| Suecuc(us/a/um) | Swedish | שוועדיש[6] |
| Syriac(us/a/um) | Syrian | סיריש |
| Tabernaemontan(us/a/um) | Mount Tabor | תּבור־ [TO'BER] |
| Taitens(is/e) | Tahiti | טאַהיטער |
| Taiwanens(is/e) | Formosa/Formosan | טײַוואַנער |
| Tataric(us/a/um) | Tatarian | טאָטער(י)ש |
| Telavivens(is/e) | Tel Aviv | תּל־אָבֿיבֿער [TELO'VEVER] |
| Tennesseens(is/e) | Tennessee | טענעסיִער |
| Texan(us/a/um) | Texas | טעקסאַנער |
| Thebaic(us/a/um) | Egyptian | מיצריש |
| Tiberiad(is/e) | Tiberian | טבֿריהר [TVE'RYER/TVA'RYER] |

6) די עלטערע פֿאָרמע: **שווײדיש** (אין דער ליטע אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט).

| | | |
|---|---|---|
| Tibetic(us/a/um) | Himalayan | טיבע׳טער |
| Transjordanic(us/a/um) | Transjordan | [EYVERAYA'RDENER] עבֿר־הירדנער |
| Transylvanic(us/a/um) | Transylvania | זי׳מבערגער |
| Tripolitan(us/a/um) | | טריפּאָליטאַ׳נער |
| Tsingtanens(is/e) | Tsingtau | צינגטאַ׳ו־ |
| Tyriac(us/a/um) | Dniestr | (נ)ע׳סטער־ |
| Ucranicus | | קרײַ׳נער |
| Utahens(is/e) | Utah | יו׳טער |
| Vancouverian(us/a/um) | Vancouver | וואַנקו׳ווערער |
| Vermontan(us/a/um) | Vermont | ווערמאָ׳נטער |
| Virginian(us/a/um)[7] | Virginia |ווירדזשי׳ניער |
| Volhynic(us/a/um) | Volhynia |וואָלי׳נער |
| Washingtonian(us/a/um) | Washington | וואַ׳שינגטאָנער |
| Warburgii | Warburg | וואַ׳רבורגס |
| Yukonens(is/e) | Yukon | יו׳קאָנער |
| Yunnanens(is/e) | Yunnan | יו׳נאַנער |
| Zeylanic(us/a/um) | Ceylon | שרי־לאַ׳נקער |
| Zion(is/e) | Zion | [TSI'YEN] ציון־ |
| Zoharyi | Zohar | זאָהאַרס |

7) פֿאַראַן אויך פֿאַלן, ווו דער ייִדישער עקוויוואַלענט פֿונעם דאָזיקן ליטײַנישן וואָרט איז אויף ייִדיש **בתולה**, אָבער יענע פֿאַלן זענען בײַ אונדז אויסגערעכנט אין ווערטערביכל.

# 5. וועגן געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער

## א) זײַן מהות

דער געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער איז אין תּוך אַרײַן עטלעכע זאַכן מיט אַ מאָל:

1) אַ שליסל וואָס ווײַזט פֿון וואַנעט מיר האָבן געשעפּט די טערמינען וואָס מיר ברענגען אין געווי (זען פֿאַר׳ 3 דאָ ווײַטער), אָדער אויף וואָסער סמך מיר האָבן זיי אַרײַנגעברענגט אין ייִדיש: אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען, לײַווערטער פֿון אַנדערע לשונות, נײַשאַפֿונגען.

2) אַ ייִדישער זוכצעטל צו געווי – סײַ פֿון די טערמינען וואָס זיי ווערן אויסגערעכנט אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל ווי רעקאָמענדירטע טערמינען, סײַ פֿון די טערמינען וואָס אין די אַנדערע טיילן פֿון געווי. ווי אַזוי צו ניצן דעם זוכצעטל – זען דאָ ווײַטער דאָס קאַפּיטעלע (ד), „אָפּשיקן".

3) אַן אינווענטאַר פֿון אַלע שייכדיקע ווערטער, וואָס ס׳איז אונדז געראָטן אָפּצוזוכן אינעם ייִדיש שבעל־פּה און שבכתבֿ: א) די הונדערטער באָטאַנישע טערמינען פֿון ייִדישע לערנביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע, געאָגראַפֿיע און טעכנאָלאָגיע; האַנטביכלעך פֿון גערטנערײַ, סעדערײַ, מעדיצינישע געוויקסן און אַגריקולטור; ווערטערביכלעך; נסיעות־אָפּמשלונגען; ב) די פּשוט־פֿאָלקישע, ווינציקער פּרעציזע עטנאָבאָטאַנישע נאָמענקלאַטור געשעפּט פֿון אַ סך צענדליקער אינפֿאָרמאַטאָרן און פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור; ג) ווערטער וואָס זעען אויס ווי נעמען פֿון געוויקסן, אָבער זענען עס אין דער אמתן נישט. (בנוגע ווערטער, וואָס ס׳איז געווען אַ ספֿק צי זיי זענען באמת נעמען פֿון געוויקסן, האָט דער צונויפֿשטעלער פֿון געווי זיך געוואָנדן צו די שרײַבערס, וואָס האָבן אָט די ווערטער געניצט, און זיך בײַ זיי נאָכגעפֿרעגט, צי דאָס און דאָס וואָרט איז טאַקע דער נאָמען פֿון אַ געוויקס, אָדער נאָר אַ פּאָעטישע אָפּמשלונג פֿון אַ געוויקס צי אַ פֿורעמונג פֿאַר אַן איינמאָליקן עפֿעקט. אויב די שייכדיקע שרײַבערס האָבן זיך שוין געהאַט געפֿעלט, זענען געבליבן ספֿקדיקע פֿאַלן.) לאָמיר זאָגן, ווען מיר געפֿינען בײַ שלום־עליכמען (קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השׂגות, נ״י, 1918, ז׳ 75) באַלעבאַטישער רעטעך און לײַטישער קנאָבל, לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז ס׳איז אַ חכמהדיקער זאָג, טײַטש ׳היפּש גרויס׳, אָבער נישט תּמיד איז אין לשון־זאַכן שייך דער „לייגט־זיך־אויפֿן־שׂכל". אַ סך מאָל איז דער שׂכל עפּעס מחייבֿ און דאָס מענטשלעכע לשון מאַכט זיך דערפֿון נישט־וויסנדיק. די ווערטער וואָס כאַפּן דעם

אָנבליק פֿון אַ באָטאַנישן טערמין, אָבער דאָס אויג גענאַרט, האָבן מיר באַצייכנט מיט די קירצונגען: נב״ט [= נישט קיין באָטאַנישער טערמין] און פּ״ל [= פּאָעטיש לשון]. אַפֿילו אַזאַ אומאָפּפֿרעגלעכער בוים ווי דער ניטל־בוים איז דאָך אין תּוך אַרײַן נישט קיין באָטאַנישער, נאָר אַ קולטור־היסטאָרישער טערמין, כאָטש בײַ סטוטשקאָווס אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך פֿיגורירט ער צווישן די נעמען פֿון געוויקסן.

אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען ברענגען מיר אינעם מקורים־ווײַזער בדרך־כּלל נאָר אויף וויפֿל זיי קומען פֿיר אין ייִדישן באַניץ בעל־פּה צי בכּתבֿ (נימפֿעע אינעם זשורנאַל די גאָלדענע קייט, פֿיקוס אין סאָוועטיש היימלאַנד, ציסטוס אין צאַנינס ייִדיש־העברעיִשן ווערטערבוך), אַרײַנגערעכנט דאָס ליטײַניש־ענגליש־ייִדיש ווערטערביכל וואָס אין געווי. די צאָל געוויקסן מיט אינטערנאַציאָנאַלע (ליטײַניש־גרעקישע) נעמען איז דאָך אַזוי גרויס, אַז סע קען גאָר נישט געמאָלט זײַן זיי אַלע, – אָדער אַפֿילו אַ פּיפּטל, אַפֿילו אַ הונדערט־חלק – אויסצורעכענען. די ייִדישע שפּראַך איז אָבער אָפֿן צו אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען, איז דאַרף מען נישט דרינגען, אַז אויב אַן אינטערנאַציאָנאַלער טערמין איז נישט פֿאַרצייכנט אינעם מקורים־ווײַזער פֿון געווי, טאָר מען אים אין ייִדיש נישט באַניצן. דאָס יאָ: מיר וואָלטן נישט געהייסן ניצן אַן אינטערנאַציאָנאַלן טערמין דאָרטן, ווו מיר האָבן אַן אייגענעם. צו וואָס, אַ שטייגער, דעם אינטערנאַציאָנאַליזם „אַראַכיס״, וואָס אין סאָוועטישע מקורים (אָדער „אַראַכיס היפּאָגעע״), ווען מיר האָבן דערפֿאַר אַזוינע ייִדישלעכע עטנאָבאָטאַנישע טערמינען ווי רבי־ניסלעך, משה־רבינו־ניסלעך, שטרויענע ניסלעך, ארץ־ישׂראל־ניס, אַמעריקאַנער ניסלעך, מאַראָקאַנער ניסלעך, פֿיסטאַשקעס, סטאַשקעס אאַז״וו. (ווי נאָרמירטע טערמינען פֿאַר דער תּכלית־פּראָזע רעקאָמענדירן מיר נאָר צוויי: רבי־ניסלעך און סטאַשקעס; די אַנדערע – גלײַכרעכטיקע סינאָנימען, על־כּל־פּנים אין דער בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און אין לשון־שבעל־פּה.)

בײַ די זגאַלן, וואָס זייער וויסנשאַפֿטלעכער נאָמען הייבט זיך אָן מיט סתּם, געוויינטלעך, גאָרטן־, עסעוודיק, מעדיציניש, רפֿואה(דיק) אאַז״וו, לאָזט מען אין דער שמועסשפּראַך אַדורך אָט דעם ערשטן עלעמענט פֿונעם נאָמען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט (אינעם קאַפּיטעלע „וועגן ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל״). דאָס גערעדטע לשון איז דאָך טערמינאָלאָגיש צימצומדיקער (אָבער דערפֿאַר אויך אומפּרעציזער) פֿון דער אַקוראַטער וויסנשאַפֿטלעכער פּראָזע. מיר פֿאַרצייכענען אָט די נעמען הן אונטערן ספּעציפֿישן צוגאָב סתּם, געוויינטלעך אאַז״וו, הן אונטערן געקירצטן נאָמען, ד״ה אָן דעם ספּעציפֿישן צוגאָב.

## (ב) דער סדר

אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער זענען די נעמען פֿון געוויקסן אויסגעשטעלט לויטן אַלף־בית. דערבײַ דאַרף מען אָבער געדענקען:

1) מיר איגנאָרירן די דײַטשמערישע שטומע עין און שטומע הא, ווי אויך די פֿאַרעלטערטע שטומע יוד בײַם סוף אָדער נאָענט צום סוף פֿונעם וואָרט. ווען דאָס שטומע אות איז אָבער אין איינעם פֿון די ערשטע צוויי טראַפֿן, לאָזט עס זיך נישט איגנאָרירן, וואָרן ס׳באַקומט זיך אַ מיכשול פֿאַרן אַלפֿאַבעטישן סדר. דעמאָלט מאַכן מיר אַן אָפּשיק (!באַרענבוים. זען באַרנבוים).

2) בײַם פֿאַרצייכענען ווערטער פֿון ליפֿשיצעס ווערטערביכלעך רעכענען מיר זיך נישט מיט טייל פֿון זײַנע אָרטאָגראַפֿישע עקספּערימענטן: א מיט אַ דיאַרעז (צוויי פּינטלעך האָריזאָנטאַל פֿון אויבן, פֿאַר /U/ וואָס אין צפֿון ווערט עס אַרויסגערעדט /O/) און י מיט אַ פּינטל איבערן אות (פֿאַרן דרומדיקן /I/, וואָס ווערט אין צפֿון געלייענט /U/).

3) פֿון באַקוועמקייט און אוניפֿיצירטקייט וועגן האָבן מיר אַדורכגעפֿירט געוויסע אויסגלײַכן: אַלץ איינס צי אינעם שייכדיקן מקור הייסט דאָס געוויקס בלאָ..., בלוי..., אָדער בלאָוו...; גראָ..., גרוי... אָדער גראָוו..., האָבן מיר זיי אומעטום ציטירט ווי בלאָ... און גראָ.... ווער סע׳ט וועלן וויסן אַקוראַט דעם וואַריאַנט וואָס אין מקור, וועט זיך מוזן מטריח זײַן צום מקור. אויך אַלע דעריוואַטן מיט פּאַשע..., פּאָשע..., פּוטער..., פּיטער..., פּוראַזש..., קאַרמע..., קאָרמע... און קאָרעמע..., האָבן מיר געשטעלט אונטער פּאָשע..., אָבער דערבײַ אָנגעוויזן אײַנגערינגלטערהייט די פֿאָרמע וואָס אין מקור. אַגבֿ: דער געאָגראַפֿישער פֿאַרשפּרייט פֿונעם עלטערן, ייִחוסדיקערן פּאָשע (אַרויסגערעדט /PUShE/), איז מערבֿ־פּוילן; דאָס נײַערע פּאַשע איז אָנגענומען אויף מיזרח פֿון דער פּאָשע־טעריטאָריע.

אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל קומט דער אַדיעקטיוו פֿריִער: ווײַסער טענענבוים, אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער בדרך־כּלל אויך אַזוי. בײַ די נעמען פֿון סאָרטן אויפּס, גאָרטנוואַרג און תּבֿואה איז אָבער אַ צרה: אין טייל מקורים קומט צום ערשטן דער אַדיעקטיוו (למשל ווײַסער נאַליוו), אין אַנדערע – דער סובסטאַנטיוו (נאַליוו, ווײַסער). מיר ברענגען מיינסטנס דעם ערשטן שטייגער, אָבער מיט אַן אָפּשיק: נאַליוו, ווײַסער זען ווײַסער נאַליוו. בײַ סובסטאַנטיוון אין פּאָסעסיוו קומט דער פּאָסעסיוו תּמיד אויפֿן ערשטן אָרט: בוימאַנס רענעט (נישט „רענעט, בוימאַנס").

## ג) דער אופֿן פֿאַררופֿן זיך אויף מקורים

דער סימבאָל וואָס באַצייכנט דעם מקור קומט, אײַנגערינגלטערהייט, באַלד נאָכן באָטאַנישן טערמין. דערבײַ זענען זיך עטלעכע אָפּווײַכן פֿון דער סיסטעם פֿון פּשוט סימבאָל און זײַטל:

1) בײַ אַלפֿאַבעטיש אויסגעשטעלטע צוויי־ אָדער מער־שפּראַכיקע ווערטערביכלעך און גלאָסאַרן, ווו ייִדיש איז דאָס ערשטע לשון (לאָמיר זאָגן: ליפֿשיצעס ייִדיש־רוסישע ווערטערביכל) ברענגען מיר נישט דאָס זײַטל, סײַדן דאָס ציטירטע וואָרט געפֿינט זיך אויף אַן אָרט, ווו מע וואָלט זיך נישט געריכט על־פּי דעם אַלפֿאַבעטישן סדר. בײַ ווערטערביכלעך, ווו ייִדיש איז אַ ציל־לשון (למשל ליפֿשיצעס רוסיש־ייִדישע ווערטערביכל), גיבן מיר יאָ דאָס זײַטל.

2) אויף סטוטשקאָווס אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך פֿאַררופֿן מיר זיך לויטן זײַטל, נישט לויט דער סינאָנימען־גרופּע, ווי ס׳איז מיינסטנס דער שטייגער בײַ סינאָנימען־ווערטערביכלעך. אַז מע ווייסט דאָס זײַטל, איז דאָרטן גרינגער עפּעס צו געפֿינען, ווי איידער אַז מע ווייסט די סינאָנימען־גרופּע.

3) בײַ לערן־ אָדער לייען־ביכלעך, וואָס זיי פֿאַרמאָגן אַ טערמינאָלאָגישן גלאָסאַר, ציטירן מיר נישט דעם קאָרפּוס פֿונעם ביכל, נאָר באַנוגענען זיך מיטן גלאָסאַר, סײַדן סע זענען דאָ סתּירות צווישן קאָרפּוס און גלאָסאַר: ווערטער אין קאָרפּוס וואָס פֿעלן אין גלאָסאַר, אָדער זענען אַנדערש באַניצט צי דעפֿינירט אין קאָרפּוס און אַנדערש דעפֿינירט אין גלאָסאַר.

## ד) די אָפּשיקן

פֿאַראַן אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער עטלעכערליי אָפּשיקן און במילא עטלעכערליי נאָרמאַטיוועו אָנווײַזן:

1) אויב נאָכן ייִדישן טערמין גייט דער ליטײַנישער עקוויוואַלענט, איז עס אַ סימן, אַז דאָס איז דער טערמין, וואָס מיר רעקאָמענדירן צו זײַן דער ייִדישער נאָרמירטער טערמין. אין זעלטענע פֿאַלן איז עס איינער פֿון די צוויי טערמינען, וואָס מיר רעקאָמענדירן, אין גאָר זעלטענע פֿאַלן – איינער פֿון דרײַ.

2) אויב נאָכן ייִדישן טערמין קומט אַ גלײַכצייכן און דערנאָכדעם אַ צווייטער ייִדישער טערמין, איז עס אַ סימן, אַז דאָס וואָרט פֿאַרן גלײַכצייכן ווערט געברענגט ווי אַ גלײַכרעכטיקער סינאָנים צום טערמין וואָס נאָכן גלײַכצייכן. פּינקטלעכער: גלײַכרעכטיק פֿאַר דער שמועסשפּראַך, בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, זכרונות; פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע רעקאָמענדירן מיר דאָס וואָרט וואָס נאָכן גלײַכצייכן.

3) דאָס אָפּשיקן מיטן וואָרט זען איז שוין אַ שטאַרקערער נאָרמאַטיווער אָנווײַז – טײַטש: ניצט גיכער דאָס וואָרט וואָס נאָכן זען.

4) אויך דער סימבאָל ר״אַ איז אַ נאָרמאַטיווער. ער ווײַזט אָן, אַז דאָס איז אַ רעגיאָנאַלער אַרויסרעד, ד״ה דערלאָזלעך אין דער שמועסשפּראַך, אָבער נישט אינעם הײַנטיקן שרײַב־לשון, חוץ אין דיאַלאָגטעקסטן. [ברושקי] און [ברוסקי], למשל, זענען רעגיאָנאַלע אַרויסרעדן אינעם גראָדנער און סוּוואַלקער קאַנט פֿונעם ליטווישן ייִדיש, אָבער שרײַבן מיט אַ יוד וואָרט־אויס טויג נישט, און דער „סאַבעס־לאָסנדיקער" פּלאָנטער צווישן „ברוסקע" און „ברושקע" איז אינעם שרײַב־לשון דערלאָזלעך נאָר לשם לאָקאַל־קאָלאָריט.

5) דער שטאַרקסטער נאָרמאַטיווער אַרויסזאָג איז דער צווייזיקער אָנווײַז: איינצײַטיק אי דאָס וואָרט זען נאָכן טערמין, אי אַן אויסרוף־צייכן פֿאַר אים. דער טאָפּעלער סימבאָל איז טײַטש: גוואַלד, ייִדן, היט זיך! ס'איז אַ דײַטשמעריזם (צי גאָר אַ קריסטלעכער אָדער אַפֿילו אַנטיסעמיטישער טערמין), אַן אַנגליציזם, אַ שרײַזיקער רוסיזם צי פּאָלאָניזם; צי גלאַט אַ טעות פֿון אַ לעקסיקאָגראַף צי אַ בעל־מחבר, וואָס ער אָריענטירט זיך נישט איבעריקס אין הילכות באָטאַניק; אָדער גאָר אַ 'זעצעריזם', דעם בחור־הזעצערס אַן אָפּטו.

בײַ אַן איינס, וואָס מיר שיקן פֿון אים אָפּ צון אַ צווייטן, גיבן מיר נישט קיין גראַמאַטישע אינפֿאָרמאַציע: לשון־רבים, גראַמאַטישער מין אאַז״וו. אויך נישט בײַ עפּעמעריזמען און פּאָעטישע פֿורעמונגען.

בײַ די אויפּס־, גאָרטנוואַרג־ און תּבֿואה־סאָרטן און האַנדל־וואַריעטעטן איז דער דין אַ ביסל אַנדערש. זיי פֿאַרמאָגן בדרך־כּלל נישט קיין ליטײַנישן נאָמען, זענען מיר גערן, אַז מיר האָבן ערגעץ, מיינסטנס נאָך אַ לאַנג זוכעניש, דערטאַפּט דעם ענגלישן עקוויוואַלענט. ווו ס'איז אונדז נישט געראָטן אָפּצוזוכן אַן ענגלישן עקוויוואַלענט (אַ מאָל איז אַזאַ נישט פֿאַראַן), ברענגען מיר דעם פּוילישן, רוסישן, אוקראַיִנישן, דײַטשישן אָדער רומענישן עקוויוואַלענט און ווײַזן עס אָן מיט דער שייכדיקער קירצונג: .P., R., U., G., Rum

ווען מיר פֿאַרצייכענען דעם פּוילישן, רוסישן אאַז״וו עקוויוואַלענט פֿונעם נאָמען פֿון אַן אויפּס־, גאָרטנוואַרג־ צי תּבֿואה־סאָרט, איז דערפֿון נאָך נישט געדרונגען, אַז דער סלאַווישער אאַז״וו טערמין איז דײַקע דער מקור פֿונעם

ייִדישן, זײַן אָבֿ. ריסלינג, אַ שטייגער, געפֿינט מען אין ייִדיש, רוסיש, דײַטשיש אאַז"וו; דורך וועלכער שפּראַך ס׳איז צון אונדז דערגאַן איז מוטל־בספֿק. און אָט איז דאָ אַ סאָרט קאַבערנע אין ייִדיש און אין רוסיש (Kaberne Savin’yon), אָבער דער אָבֿ קער זײַן פֿראַנצייזיש.

## ה) קירצונגען און סימבאָלן

וועגן עטלעכע קירצונגען און סימבאָלן אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער איז שוין געקומען צו רייד. אַלע זענען זיי אויסגערעכנט אינעם אָפּטייל „סימבאָלן, קירצונגען, מקורים". פֿונדעסטוועגן וועלן מיר דאָ באַזונדער דערמאָנען נאָך אַ פּאָר.

אין האַלבע לבֿנות ( ) ברענגען מיר דעם מקור און אַנדערע גענעטישע ידיעות וועגן דעם טערמין. אײַנגערינגלט ברענגען מיר אויך די טיילן פֿון אַ טערמין, וואָס ס׳איז רעכט מיט זיי אָדער אָן זיי. אונגער(י)שע פֿלוים איז טײַטש: ס׳איז רעכט אונגעריש און רעכט אונגערש – מיט צי אָן דער יוד. (דער איינציקער וואַריאַנט, וואָס ער טויג נישט, איז דאָס דײַטשמערישע „אונגאַריש", מיט פּתח־אַלף און דערצו נאָך אַקצענטירט אויפֿן צווייטן טראַף!)

אין קאַנטיקלעך [ ] גיבן מיר דעם אַרויסרעד, אין אַ כמו פֿאָנעמישער טראַנסקריפּציע. דער שרײַב־אופֿן פֿאַרדעקט אים דאָך בדרך־כּלל דעם אַרויסרעד: פֿלוים [FLOYM, FLOM, FLUYM, FWOYM, FWOM]. אין קאַנטיקלעך פֿאַרצייכענען מיר אויך די קאָמענטאַרן פֿונעם צונויפֿשטעלער פֿון געווי. אויך ווען מע דאַרף אין אַ שוין אײַנגערינגלטן טעקסט ווידער אײַנרינגלען אַ וואָרט, האָבן מיר געניצט קאַנטיקלעך, בהסכּם מיטן גאַנג פֿון דער אַלגעברע: ד"ה, שטאָטס צו שטעלן האַלבע לבֿנות אין אַ טעקסט וואָס איז שוין אין האַלבע לבֿנות, שטעלן מיר קאַנטיקלעך: „...(...[...]...)".

צווישן ציטירלעך „ " ברענגען מיר, געוויינטלעך, אַ ציטאַט. מיט איין ציטירל – און נאָר אויבן – ברענגען מיר די טײַטש פֿון אַ טערמין.

די קירצונג ז"פֿ (= זייער פֿאַרשפּרייט) איז נישט קיין „אימפּרעסיאָניסטישע". ווו סע האָבן זיך אָנגעקליבן צענדליקער ציטאַטן, איז בײַ אונדז געבליבן יוצא צו זײַן מיטן אָנווײַז ז"פֿ, און שוין. מיר האָבן יאָ געברענגט אַ שפּאָר ביסל מראה־מקומות בײַ יענע וואַריאַנטן, ווו ס׳איז אונדז געגאַן אין דעם צו ווײַזן זייער פֿאַרשפּרייטקייט, דער הויפּט בײַ אַ נאָרמירונג, וואָס עמעץ קען אַ מאָל פּרוּוון אָפּפֿרעגן.

ווו ס׳איז בײַ אונדז געווען אַ ספֿק וועגן דעם אידענטישקייט פֿון אַ טערמין, האָבן מיר געשטעלט דעם סימבאָל ס"א (= ספֿקדיק אידענטישקייט) אָדער אײַנגעקאַנטיקט אַ גלײַכצייכן מיט אַ פֿרעגצייכן: [= ?]. בײַ ספֿקות וועגן גראַמאַטישן מין, לשון־רבים, אַרויסרעד צי שרײַב־אופֿן, האָבן מיר אויך געניצט באַזונדערע סימבאָלן: סג"מ, סל"ר, ס"אַר אָדער ס"ש. אויב די קומעדיקע דורות וועלן קענען פֿאַרענטפֿערן די הײַנטיקע קשיות, ד"ה די ספֿקות פֿונעם צונויפֿשטעלער פֿון געווי, זאָלן זיי געבענטשט זײַן. לעת־עתּה מוזן מיר אין אַזוינע פֿאַלן יוצא זײַן מיטן טראַדיציאָנעלן תּיקו.

אַלע געאָגראַפֿישע אָנווײַזן (אַזוינע קירצונגען, אַ שטייגער, ווי סאָט, פּראָס פֿאַר סאָטענעוו און פּראָסקערעוו) זענען נוגע אינפֿאָרמאַציע וואָס אין מײַנע שפּראַך־געזעמלען. איבער הונדערט און צוואָנציק וועלן זיי אַריבער אין רשות פֿון ייִוואָ.

# III. שפּראַכיקע אָנווײַזונגען



געמ. 28—קאָנאָפּליע.

לינקס—פּעסטלדיקע קאָנאָפּליע, רעכטס—שטויבפּעדימדיקע.

# 1. דער גראַמאַטישער מין

מיטן געוויסיקן אַרטיקל דער, די, דאָס (ד״ה מיט דער אינפֿאָרמאַציע וועגן גראַמאַטישן מין) ברענגען מיר די באָטאַנישע טערמינען נאָר אין געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער, נישט אינעם לאַטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל. במילא וועלן טייל ווערטער פֿון נייטראַלן מין אין די צוויי ערטער אויסזען אַ ביסל אַנדערש: אין געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער – דאָס שטעכיקע שיינדעלע, דאָס שמעקעדיקע שטערנדל (מיטן אַדיעקטיווישן אויסלאָז ־ע) און אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל – שטעכיק שיינדעלע, שמעקעדיק שטערנדל (אָן דעם ־ע). אָט די „סתּירה" נעמט זיך פֿונעם גראַמאַטישן כּלל, אַז בײַ אַן אַדיעקטיוו מיטן געוויסיקן אַרטיקל איז די נייטראַלע פֿאָרמע אין נאָמינאַטיוו גלײַך מיט דער פֿעמינינער פֿאָרמע: די קלוגע פֿרוי, דאָס קלוגע קינד; אָבער אַ קלוגע פֿרוי, אַ קלוג קינד.

מיר רעקאָמענדירן, פֿאַרשטייט זיך, דעם גראַמאַטישן מין לויט די נאָרמעס פֿונעם הײַנטיקן ליטעראַרישן ייִדיש. במילא לאָזן מיר בדרך־כּלל אויסן די פֿאַקטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די היפּערטראָפֿיע פֿונעם דריטן מין אין מערבֿ־ און צענטראַל־ייִדיש (ספּעציעל גאַליציע) אָדער די אַנדערשקייטן פֿון צפֿון־ייִדיש („ליטוויש ייִדיש"), ווו ס'איז נישטאָ קיין נייטראַלער מין (דער בלעטעלע; בײַ גאַלאָמבן – דער געמייזעכצל), אָבער דערפֿאַר דער געמישטער מין (לשון־נקבֿה אין נאָמינאַטיוו, לשון־זכר אין דאַטיוו: די צווײַג, מיטן צווײַג), דער סובסטאַנץ־מין (לשון־נקבֿה אין נאָמינאַטיוו, כּמו לשון־רבים אין דאַטיוו) און בכּלל אַן אַנדערשדיקער „פֿונאַנדערשטעל" פֿונעם גראַמאַטישן מין (לשון־זכר ווו מע וואָלט זיך געריכט אויף לשון־נקבֿה, און פֿאַרקערט: די בוים). אויך די דערפֿון אַרויסוואַקסנדיקע אומאויסגעהאַלטנקייטן און היפּערקאָרעקטקייטן דערעיקרשט בײַ שרײַבערס פֿון דער ליטע און צפֿון־אוקראַיִנע, וואָס זיי פֿלײַסן זיך צו שרײַבן ליטעראַריש ייִדיש, איגנאָרירן מיר דאָ (בײַ נאָטע לוריע – אי די טשערעט, פֿון די טשערעט, אי דער טשערעט; דאָס ווייץ, די ווייץ און דער ווייץ; די גערשטן, פֿון די גערשטן, אָבער אויך דער גערשטן אאַז״וו).[2]

איבֿ געווי איז בנוגע גראַמאַטישן מין אָריענטירט אויפֿן אָנגענומענעם ליטעראַרישן באַניץ, וואָס זשע זאָל טאָן דער פֿאָרשער פֿונעם גראַמאַטישן מין אין

1) דער שרײַבער פֿון די שורות האָט געוואָרפֿן אַן אומחן אויף די טערמינען **כּלל־שפּראַך** און **כּלל־ייִדיש**: זיי זענען אומפּינקטלעך און שמעקן מיט גאווה („רעדסטו נישט די כּלל־שפּראַך, ביסט מחוצן כּלל"...) . אויך אוריאל ווײַנרײַך האָט צום סוף פֿון זײַנע טעג, אין דער הקדמה צו זײַן ווערטערבוך, ווידער גענומען ניצן דעם טראַדיציאָנעלן טערמין **ליטעראַטור־שפּראַך**.

2) די אָנגעוויזענע פֿאַקטן בײַ נאָטע לורין געפֿינען זיך אויף די זז' 76, 83, 132, 163 אאַז״וו פֿון זײַן **דער סטעפּ רופֿט**.

די ייִדישע דיאַלעקטן? זאָל ער קודם אויסניצן די אוצרות פֿונעם ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס און דערנאָכדעם אויך דאָס שייכדיקע שפּראַכוואַרג, וואָס סע האָט זיך אָנגעקליבן אין די קאַרטאָטעקן פֿונעם שרײַבער פֿון די שורות: אַ פֿיר הונדערט טויזנט קאַרטלעך מיט אַן ערך אַ מיליאָן שפּראַך־אָבסערוואַציעס. געבליבן בדרך־כּלל אין אונדזער קאַרטאָטעק איז, אַ שטייגער, די אינפֿאָרמאַציע וועגן דערמאָנטן סובסטאַנץ־מין, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן ליטווישן און צפֿון־אוקראַיִנער ייִדיש: די באָב, פֿון די באָב; די גערשטן, פֿון די גערשטן; די האָבער; די ווייץ; די קאָרן אאַז״וו; אינעם ליטעראַרישן לשון זענען אָט די אויסגערעכנטע סובסטאַנטיוון לשון־זכר: דער באָב, דער גערשטן, דער האָבער, דער ווייץ, דער קאָרן.

ווו דער גראַמאַטישער מין אינעם ליטעראַרישן לשון איז אַ וואַקלדיקער, שיקן מיר אָפּ פֿון איין וואַריאַנט צום אַנדערן, אָדער מיר גיבן ביידע ברירות ווי גלײַכרעכטיק. בײַם אָפּגעבן די בכורה איין וואַריאַנט (פֿון צווישן צוויי אָדער מיין) גייען מיר קודם־כּל לויטן אַחרי־רבים־להטות, דערנאָכדעם לויטן אַרײַנגעפּאַסטקייט אין גלאַטיקע גראַמאַטישע כּללים. אַ משל: פֿאַראַן אין ייִדיש סײַ די מאַראַנץ, סײַ דער מאַראַנץ. איז ערשטנס, קער די מאַראַנץ זײַן פֿאַרשפּרייטער פֿון דער מאַראַנץ. צווייטנס, פּאַסט זיך די מאַראַנץ בעסער אַרײַן אין דער סעריע די סובסטאַנץ, די קאָנקאָרדאַנץ, די אַליאַנץ, ד״ה אינעם כּלל, אַז סובסטאַנטיוון אויף ־אַנץ זענען לשון־נקבֿה. מיר רעכענען זיך אויך שטאַרק מיטן ספּעציפֿישקייט־פּרינציפּ: עפּעס וואָס ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מאַמע־לשון איז בײַ אונדז בילעכער פֿון עפּעס וואָס ייִדיש האָט בשותּפֿות מיט דײַטשיש, פּויליש אאַז״וו. אַ וואָרט אָדער פֿאָרמע וואָס זי איז אויפֿגעקומען אין ייִדיש איז טייל מאָל חשובֿער פֿון אַ ירושה־וואָרט; ווען יאָ און ווען נישט — בײַ אַ שעת־הכּושר.

ספֿקות וועגן גראַמאַטישן מין וויַזן מיר אָן דורך דער קירצונג סג״מ, ווי פֿריִער דערמאָנט (אינעם קאַפּיטעלע „קירצונגען און סימבאָלן”). נעמען פֿון האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן גיבן מיר אָנעם געוויסיקן אַרטיקל. מע טרעפֿט זיי דאָך זעלטן מיט אַן אָנווײַז פֿון גראַמאַטישן מין. זייער גראַמאַטישער סטאַטוס קער זײַן אין דער בחינה פֿון פּרט־סובסטאַנטיוון, ד״ה ס׳רובֿ אָן אַן אַרטיקל. ווי אַ טעאָרעטישן כּלל קען מען אָבער משער זײַן, אַז די האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן זענען לשון־זכר, סײַדן זייער אויסלאָז איז אויף ־ע (לשון־נקבֿה) אָדער זיי זענען דימינוטיוון (נייטראַל).

בײַ ווערטער, וואָס מיר „דיסרעקאָמענדירן” זיי (דײַטשמעריזמען, אַנגליציזמען, שפּאַניזמען; שרײַיִקע רוסיזמען, פּאָלאָניזמען און עבֿריתיזמען; סתּם טעותן אאַז״וו), ברענגען מיר נישט די אינפֿאָרמאַציע וועגן גראַמאַטישן מין.

בײַ אַ צונויפֿהעפֿט איז אַזוי: בדרך־כּלל איז מכריִע דער גראַמאַטישער מין פֿונעם צווייטן עלעמענט זײַנעם — די ווײַבערשיל, ווײַל די שיל (פֿאַראַן אויסנעמען[3]). אויך בײַ די באָטאַנישע טערמינען איז אַזוי, אָבער נישט תּמיד: טאַקע דאָס וואָלגראָז, ווי דאָס גראָז, אָבער בײַ זילבערבלאַט, לעכלבלאַט, שטערנבלאַט וואָלט דער בעל־מחבר פֿון געווי נוטה געווען צו דער, בהסכּם מיט דער רעקאָמענדאַציע וואָס אין אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך, כאָטש דאָס בלאַט איז געאָגראַפֿיש דאָס פֿאַרשפּרייטסטע.[4]

---

3) בײַ אוקראַיִנישע, ליטווישע, און רומענישע — **דער יאָרצײַט**, בײַ פּוילישע — **די יאָרצײַט**.

4) סכעמאַטיש איז דאָ דער גראַמאַטישער מין אַזוי: אין ליטווישן ייִדיש **די** אָדער **דער בלאַט**; אין דער אוקראַיִנע און באַסאַראַביע **דער בלאַט** (הגם בדרך־כּלל זאָגט מען **בלעטל**); קאָנגרעס־פּוילן, גאַליציע און בוקעווינע — **דאָס בלאַט**.

# 2. דאָס לשון־רבים

די אינפֿאָרמאַציע וועגן לשון־רבים ברענגען מיר אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער. מיר גיבן די ליטעראַריש אָנגענומענע לשון־רבים־פֿאָרמע. ווּו ס׳איז דאָ אַ ספֿק, שטעלן מיר דעם סימבאָל סל״ר (= ספֿק לשון־רבים). ווּו צוויי רבים־פֿאָרמעס קאָנקורירן און איינע איז אַ ייִדישע, די צווייטע אַ דײַטשמערישע, ברענגען מיר נאָר די ייִדישע. אויב ביידע זענען ייִדישע און ביידע זענען אָנגענומען אינעם ליטעראַרישן לשון, וועלן זיי פֿיגורירן ווי גלײַכרעכטיקע. אויב נאָר איין רבים־פֿאָרמע איז אָנגענומען אין דער ליטעראַטור־שפּראַך, שיקן מיר אָפּ צון איר.

אויב אַ געוויקס־נאָמען ווערט געניצט בלויז אין לשון־יחיד אָדער נאָר אין לשון־רבים (אַ שטייגער: משוגענע שוועמלעך), פֿאַרצייכענען מיר דעם פֿאַקט דורך די סימבאָלן בל״י (= בלויז לשון־יחיד), בל״ר (= בלויז לשון־רבים). אויב דער טערמין איז אַ סובסטאַנץ־סובסטאַנטיוו, פֿאַרפֿיקסירן מיר דעם פֿאַקט דורכן סימבאָל ס״ס. די אינפֿאָרמאַציע האָט אַ סעמאַנטישע ווערט: דאָס לשון־רבים פֿון סתּם סובסטאַנטיוון איז דאָך טײַטש ׳מיין ווי איין׳, בעת דאָס לשון־רבים פֿון די סובסטאַנץ־סובסטאַנטיוון איז טײַטש ׳פֿאַרשיידענערליי׳.

בײַ צונויפֿהעפֿטן מיט ־בוים, ־בלאַט ברענגען מיר נישט קיין לשון־רבים, וואָרן אונדזער לייענער ווייסט דאָך, אַז דער רבים אין ליטעראַרישן ייִדיש איזביימער (אין טיילן פֿון ליטווישן דיאַלעקט, אַגבֿ: ביימען) און במילא איז איבעריק אים אָנצוּווײַזן, אַז דער רבים פֿון באַוולבוים איז באַוולביימער. אויך דעם רבים בײַ צונויפֿהעפֿטן מיט ־גראָז גיבן מיר נישט בדרך־כּלל, אָבער צום טייל איבער אַן אַנדער טעם: מע ניצט דעם רבים זייער זעלטן.

בײַ ווערטער, וואָס מיר „דיסרעקאָמענדירן״ זיי (דײַטשמעריש אאַז״וו), ברענגען מיר נישט דעם רבים. מיר שיקן דאָך אָפּ פֿון די געפּסלטע ווערטער צון אַנדערע, וועט מען שוין בײַם צילוואָרט געפֿינען אויך די אינפֿאָרמאַציע וועגן רבים.

בײַ נעמען פֿון האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן גיבן מיר נישט קיין לשון־רבים, וואָרן זייער גראַמאַטישער סטאַטוס איז ווי בײַ פּרט־סובסטאַנטיוון, וואָס מע ניצט זיי דאָך כּמעט נישט אין רבים. אין די זעלטענע פֿאַלן, ווען סע קען אויסקומען צו ניצן אַ רבים, איז ער אויף ־ן, אַכיבע דער סובסטאַנטיוו ענדיקט זיך אויף ־יק (דעמאָלט איז דאָס לשון־רבים אויף ־עס), אויף ־ע (־ס), אויף קאָנסאָנאַנט פּלוס נון (־ען), אויף קאָנסאָנאַנט פּלוס ל (־ען), אויף געקוועטשטן וואָקאַל (־ען), אָדער דימינוטיוו (־עך) צי אימינוטיוו (־ך).

אין פֿאַקטישן שפּראַכבאַניץ, ווען מע רעדט וועגן אַ סכום, קומען טייל מינים, זגאַלן, וואַריעטעטן און סאָרטן אויפֿס און גאָרטנוואַרג אין רבים (פֿאַסאָליעס, מייערן א״אַ), אַנדערע – אין לשון־יחיד (רעטעך, קרויט א״אַ). בײַביידע קאַטעגאָריעס ברענגען מיר אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער ס׳רובֿ אי דאָס לשון־יחיד, אי דאָס לשון־רבים; אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל – נאָר דאָס לשון־יחיד, חוץ די פֿאַלן ווו די רבים־פֿאָרמע איז למעשׂה דער נאָמען פֿונעם געוויקס: טרויבן, ווײַמפּערלעך, אָזשענעס, מאַלענעס. דורכן סימבאָל לר״נ (= לשון־רבים־נאָמען) ציִען מיר דעם אויפֿמערק דערויף, אַז בײַ דעם געוויקס איז דאָס לשון־רבים אויך דער נאָמען פֿונעם געוויקס, בעת דאָס לשון־יחיד ווײַזט אָן אַן ענצלפּרוכט. למשל: דאָס לשון־רבים ווײַנטרויבן איז דער נאָמען פֿונעם מין, בשעת ווײַנטרויב צי טרויב איז טײַטש נאָר די ענצלפּרוכט.

# 3. דער אַרויסרעד

אויב דער אַרויסרעד פֿונעם נאָמען פֿון אַ געוויקס קען זײַן פּראָבלעמאַטיש, גיבן מיר אים טראַנסקריבירטערהייט און אין קאַנטיקלעך.

אַ וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע בנוגע אַ וואָרט: דער קוועטש. מיר ברענגען אָט די אינפֿאָרמאַציע נאָר אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער דורך אַ ווערטיקאַל, הויך געשטעלט פּאַסיקל – עלעהיי אַן אַפּאָסטראָף – נאָכן געקוועטשטן טראַף. מיר שטעלן דעם קוועטשצייכן אַפֿילו ווען דער פֿאַרלעצטער טראַף טראָגט דעם קוועטש.

נישט תּמיד ברענגען מיר אָבער אָט די אינפֿאָרמאַציע, זי איז טייל מאָל איבעריק. מיר שטעלן נישט דעם קוועטשצייכן 1) בײַ אַרכאַיִזמען, ווו דער שרײַב־אופֿן פֿאַרשטעלט סײַ ווי דעם אַרויסרעד; 2) בײַ דײַטשמעריזמען, אַנגליציזמען, שפּאַניזמען און שרײַיִקע רוסיזמען צי פּאָלאָניזמען וואָס פֿאַרן הײַנטיקן באַניץ דאַרפֿן זיי האָבן נאָר אַ שפּראַך־היסטאָרישן אינטערעס; 3) ווו מיר האָבן ספֿקות וועגן אַקצענט (צי אַרויסרעד בכלל).

בײַ אַקצענטיר־וואַריאַנטן (באַנאַץ און באַניַאַן) שטעלן מירביידע נוסחאָות, כאָטש מיר גיבן אָפּ די נאָרמאַטיווע בכורה צון איין וואַריאַנט.

# 4. אויסלייג: אָרטאָגראַפֿישע און מאָרפֿאָלאָגישע וואַריאַנטן

פֿאַרשטייט זיך, אַז געווי היט אָפּ געוויסנדיק די תּקנות פֿון איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג. איז אויב די פֿון ייִוואָ נאָרמירטע אָרטאָגראַפֿיע איז בײַ אונדז אַקסיאָמאַטיש, לית מאַן דפליג, צו וואָס זשע געבן דאָ אַ סובקאַפּיטעלע וועגן אָרטאָגראַפֿיע? כּדי אָנצווײַזן עטלעכע פּרטים, טאַקע אינעם גדר פֿון איינהייטלעכן אויסלייג.

פֿאַראַן אין די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג אַ פּאַראַגראַף, וואָס ער ווערט ס׳רובֿ בשוגג איגנאָרירט פֿון די, וואָס זיי היטן אָפּ די פּרינציפּן פֿון דער סטאַנדאַרדיזירטער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, דהײַנו תּקנה 143 ד: „אַ מקף שטעלט מען אין אַ צונויפֿהעפֿט אַפֿילו ווען די צאָל טראַפֿן איז נישט גרעסער ווי דרײַ, אויב די אינאײנעמדיקע שרײַבונג וואָלט געקענט פֿאַרשווערן דאָס לייענען אָדער אַרײַנפֿירן אין אַ טעות". אין געווי האָבן מיר מיט אָט דער תּקנה זיך אַ סך מאָל גערעכנט. מיר שרײַבן בלאָ־קעפּל, וואָרן אויב מיר וואָלטן עס געשריבן אין איינעם („בלאָקעפּל"), וואָלט מען עס גרײַלעך געטײַטשט ווי אַ סאָרט עפּל („בלאָק־עפּל"!). אַזוי זענען מיר זיך אויך נוהג: בלאָ־קרויט (מע זאָל עס נישט לייענען „בלאָק־רויט"), בלאָ־גראָז, בלאָ־שוואָם, בלוט־עפּל (ס׳איז דאָך נישט קיין „טעפּל"), בראָט־שוועמל, בערג־רויז, פֿרײַ־איריס און נאָך און נאָך. מיר ווילן דאָך נישט, אַז עמעץ זאָל איגנאָרירן די תּקנה 143 און במילא אויסלייגן „פֿערדסקריפּ") טײַטשן ווי „פֿערד־סקריפּ"...

די באָטאַנישע טערמינען וואָס מיר ברענגען אין געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער קומען דאָך פֿון כּלערליי טעקסטן און פֿון כּלערליי תּקופֿות, האָבן מיר זיך נוהג געווען אַזוי: נעמען פֿון געוויקסן און ציטאַטן פֿון געדרוקטע מקורים וואָס זינט אָנהייב נײַנצעטן יאָרהונדערט ברענגען מיר אין אַ סטאַנדאַרדיזירטער פֿאָרעם, אוניפֿיצירטערהייט; געוויקסן וואָס ביזן אָנהייב נײַנצעטן יאָרהונדערט – כּכּתובֿ, אין זייער אַרכאַיִשער פֿאָרעם. נאָר בײַ טערמינען וואָס אין ליפֿשיצעס ווערטערביכלעך זענען מיר אַ מאָל מקיל – מיר ברענגען זיי אין דער פֿאָרעם, ווי מיר האָבן זיי בײַ אים געפֿונען.

נאָך אַ יוצא־מן־הכּלל: די אילערליי דײַטשמעריזמען לאָזן מיר אויך אַזוי ווי מיר האָבן זיי געפֿונען, נישט געײַדישט, נישט פֿאַרפּוצט, נאָר מיט אַ וואָרן־צייכן (!) פֿון פֿאָרנט.

וואַריאַנטן האָבן מיר מיינסטנס נישט געטשעפּעט. מיר האָבן אָבער, ווי שוין אָנגעוויזן, געוויקסן מיט בלאָ־/בלוי־/בלאָוו־ און גראָ־/גרוי־/גראָוו־ ווי אַן עלעמענט פֿון זייער נאָמען סטאַנדאַרדיזירט אויף בלאָ־ און גראָ־.

צווישן די פֿאָנעמישע און אָרטאָגראַפֿישע וואַריאַנטן וואָס מיר האָבן געבֿרענגט כּכּתובֿ זענען: פֿלוים און פֿלאָם, אונגעריש און אונגערש א״אַ.

מאָרפֿאָלאָגישע וואַריאַנטן האָבן מיר נישט אוניפֿיצירט. אויב מיר האָבן געפֿונען אין אַ געדרוקטן מקור אַ געוויקס, וואָס זײַן נאָמען הייבט זיך אָן מיט אַמעריקאַנער, קאָרעער אאַז״וו, האָבן מיר געלאָזט אַמעריקאַנער, קאָרעער. אויב ס׳איז געשטאַנען אַמעריקאַניש, קאָרעיִש וכ׳, איז ווידער: געלאָזט ווי געפֿונען. נאָר בײַ נעאָלאָגיזמען קען מען זען די פּרעפֿערענצן פֿונעם בעל־מחבר פֿון געווי.

# IV. דין־וחשבון פֿונעם צונויפֿשטעלער



זעקסריייִקער    פיריייִקער    צווייריייִקער

געמ. 20 — ג ע ר ש ט ן

# 1. אויסגעניצטע מקורים

## (א) דאָס גערעדטע ייִדיש

קודם־כּל האָבן מיר זיך געוואָנדן צום ייִדיש שבעל־פּה, צו דער שמועסשפּראַך, דאָס הייסט: צו לעבעדיקע אינפֿאָרמאַטאָרן. האָבן מיר טאַקע אויסגעפֿרעגט בעיקר ייִדיש־רעדערס פֿון ערדאַרבעטערשע קאָלאָניעס, דערפֿער און קלענערע שטעטלעך, אָבער אויך פֿון גרעסערע שטעט, אַ סך־הכּל פֿון 180 אירע פֿון 165 וווינפּונקטן, דהײַנו פֿון: אַדעס, אוזליאַן, אורזיעוו, איהעל, איוויע, איזמײַל, איזשביץ, איט, איש, אָלעסקאָ, אַלעקסאַנדראָווע דעקי, אַמשינעוו, אַסטילע, אָסטראָווצע (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), אָסטרע, אָסטרעווע, באָדזענעוו, באַטער, באָטשאָן, באָניעד, באַרבעוויץ, באָרזשעווע, באַרישפּאָליע, בוּיד, ביאַליסטאָק, בילסק, בירז, בלאַכאָווניע, בעלכעטעוו, בעלץ, בענדין, בערעזיטש, בערעקסאַז, גאָוורעאָווע, גאָרזשיץ, גוואָזדאָווקע, געטקעוויץ, גרויס־ביאַלע (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), דאָברעטוואָר, דאָוויד־האַראַדאָק, דאָלענע, דאָמברעווע, דאָרע, דובוי, דיבעטשנע, דעש, דראַטשעניץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), האָלמין, הײַשין, וואָלטשעניץ, וואַרשע, ווילנע (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), ווילקאָטש, וויערעשעוו, די ווישעוועס, ווערבעלאָוו, זאַבלטאָוו, זאַמד, זוויניעטשקע, זבאָרעוו, זגוריצע, זשעביע, זשיטאָמער, זשיטשקע, טאָמעשעוו־לובעלסק, טאָרנע, טאָשנאַד, טויסט, טולטשין, טישעוויץ (דרײַ אינפֿאָרמאַטאָרן), טעטשין, טעלדז, טעפּליק, טראַב, טשיד, טשערנעוויץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), טשענסטעכעוו, יאַדעווע, יאַנעווע, יאַנעשפּאָליע, יאָס, יאַרמעליניץ, יורבאַריק, ייִגאַן, יעדיניץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), יענדזשעווע, כמעלניק, כעטין (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), כעלעם, לאָדאַן, לאָדזש (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), לאָכוויץ, לאָעסק, לובלין, לוכעוו, לונע, ליובער, ליסקעווע, ליפּנע, לעווערטעוו, לעלטשיץ, מאָגלניצע, מאָדזשיץ, מאַרצינאָווקע, מאָשטשיסק, מייטשעט, מיקעלײַעווע, מיקעוו, מעזריטש, מעלאַווע, מערקילעשט, (נ)אַוואַרעדאָק, ניזשבעריק, נײַ־קאָסנטין, נעוועסעליץ, סאָטענעוו, סאַקאָלקי, סאַמעכוואַלעוויץ, סוכאַוואָליע, סטאַניסלע, סטאַשעוו, סטידעניצע, סטראָפּקעוו, סטרי, סיקס, סמילע, סערעט, ספּערמעזעו, סקווער, פּאָדעלוי, פּאָדעמביץ, פּאָנעוועזש, פּאַרצעוו, פּידײַיִץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), פּינצק, פּראָסקערעוו, פּרוזשענע, פּ(ע)רעיאַסלעוו, קאַזלווישטשינע, קאָזשעניץ, קאַמינקע, קאַרלסבאָרג, קאָרסן, קאַשוי, קאָשעדאַר, קיוויאַזשד, קיטנע, קיטאַרעד (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), קילעמיי, קיניגספֿעלד, קלימעטעוו (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), קעשענעוו, קריוואָזער, ראַבשוי (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), ראַדן, ראָדנע, ראָדעם, ראָוונע, ראָזעדעוו,

ראַקעוו, (וואַד־)ראַשקעוו, רימענעוו, רעזשאַן, רעטין, שאָץ, שטראָסבעריק, שעפּס (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן). די נעמען פֿון די אינפֿאָרמאַטאָרן און די אַקוראַטע לאָקירונג פֿון זייערע געבוירן־ערטער קען מען געפֿינען אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער.

אַ סך פֿאַרקוקט בעל־פּה־ק שפּראַכוואַרג האָבן מיר אָפּגעזוכט אין דער רובריק „פֿון פֿאָלקס מויל" אינעם קיִעווער זשורנאַל די ייִדישע שפּראַך און אין די כּלערליי רעגיאָנאַלע לעקסישע זאַמלונגען אין ייִדיש פֿאַר אַלע (וואַרשע), ייִדישע פֿילאָלאָגיע (וואַרשע), ייִדישע שפּראַך (נ"י), פֿילאָלאָגישע שריפֿטן (ווילנע), ווי אויך בכלל – אין די געדרוקטע אידיאָטיקאָנס און פֿאָרשאַרבעטן פֿון: פֿ. אַלפֿאַבעט, ה. בעם, פֿ.־י. בעראַנעק, חיים גינינגער (וועגן שײַנעאַנו), הוטערער, מ. וויינגער, בײדע ווײַנרײַכס, שעיה טויב, משה לערער, רפֿאל מאַהלער, מענדל מאַרק, ב. סטאַלעק (בורגנלענדער ייִדיש), פּרילוצקי, פֿאַלקאָוויטש, קאָסאָווער, קלמנאָוויטש, ראַבאַך, שעכטער א"אַ. ספּעציעל מוז מען מאַכן אַ וואַרע פֿאַר די אוצרות, וואָס זענען אײַנגעשפּײַכלערט אויף די טאַשמעס און אַרויסדרוקן פֿונעם ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס.

## ב) דאָס געשריבענע ייִדיש

אַחוץ די „באַנאַלע" נעמען פֿון געוויקסן (ווייץ, קאָרן, האָבער, קאַרטאָפֿל, מייערן, ציבעלעס, קנאָבל אאַז"וו) טרעפֿן זיך באָטאַנישע טערמינען מײַנסטנס בײַ שרײַבערס אויפֿגעוואָקסענע אָדער אין ערדאַרבעטערשע קאָלאָניעס, אָדער אין געגנטן, וווּ טייל ייִדן זענען געווען אינדיווידועלע עובֿדי־אַדמה, ווי אויך בײַ נאַטור־אינפֿאָרמירטע שרײַבערס און בעלי־לשון: הירש אַבראַמאָוויטש, אפֿרים אויערבאַך, רחל אויערבאַך, מ. אַלבערטאָן, משה אַלטמאַן, ב. אָליצקי, לייב אָליצקי, י. אָפּאַטאָשו, מ. אַפּשאַן, הענעך אַקערמאַן, מענדל אַקערמאַן, י. אָקרוטני, ה. אָרלאַנד, הירש אָשעראָוויטש, ח. באַרקאַן, נחמן בלומענטאַל, דוד בערגעלסאָן, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, ד"ר ניסן ברוסילאָוו, חיים גאָלדענשטיין, עליע גאָרדאָן, שמואל גאָרדאָן, יעקבֿ גלאַטשטיין, יעקבֿ גלאַנץ, חיים גראַדע, נפֿתּלי גראָס, אורי־צבֿי גרינבערג, ז. דיאַמאַנט, ב. דעמבלין, שיקע דריז, משה־לייב האַלפּערן, בער האָראָוויץ, יצחק האָראָוויץ, ש. האָראָנטשיק, קלמן הײַזלער, פּעסיע הערשפֿעלד־פּאָמעראַנץ־האָניגבוים, אלחנן וואָגלער, ליובע וואַסערמאַן, עוזר וואַרשאַווסקי, בעריש ווײַנשטיין, א.־מ. ווײַסענבערג, מ. ווינער, נ. זאַבאַרע, חן־שמעוני, כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו, וואָלף טאַמבור, מלכּה חפֿץ־טוזמאַן, ז. טעלעסין, י. טראַכטענבערג, יאַנקל יאַקיר, כאַווער־פּאַווער, נאָטע לוריע, נח לוריע, נ.־ב. לינדער, י.־י. לינעצקי, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס, פֿאַליק לערנער, יוסף מאַרגאָשעס, מענדעלע מוכר־ספֿרים, י. מעצקער, משה נאַדיר, לייב נײַדוס, דער נסתּר, מענדל לעפֿין־סאַטאַנעווער, אַ. סוצקעווער, יוסף ערליך, ראָזע פּאַלאַטניק, הערשל פּאָליאַנקער, י. (שיִע) פּערלע, י.־ל. פּרץ, יחיאל פֿאַליקמאַן, מאָזי קאָבריאַנסקי, רחל קאָרן, לייב קוויטקאָ, משה קולבאַק, י. קייטלמאַן, איציק קיפּניס, ראַבאָי, ראַבין, ראַבינקאָוו, רויזענבלאַט, רעסלער, מ.־מ. שאַפּיר, י.־צ. שאַרגעל, י.־י. שוואַרץ, אליעזר שטיינבאַרג, שלום־עליכם, שמרי, שעכטמאַן א"אַ.

געוויינטלעך, די לערנביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און געאָגראַפֿיע, וואָס די נעמען פֿון זייערע בעלי־מחברים צי פֿאַרטײַטשערס האָבן מיר אויסגערעכנט פֿריִער (אינעם קאַפּיטעלע „אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער

באָטאַנישער נאָמענקלאַטור") האָבן מיר געדעקט – מיט אַ ווערעך. אויך די גאַנצע אַגראָנאָמישע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן דאָרטן ראָשי־פּרקימדיק פֿאַרצייכנט (די פֿולע טיטלען – אין דער ביבליאָגראַפֿיע), האָבן מיר זיך געפּלײַסט אויסצושעפּן, כאָטש מיר ווייסן ווויל, אַז דאָס איז נישט פֿאַר די כּוחות פֿון איין מענטש אָדער אַפֿילו פֿון עטלעכע.

אַ רײַכער קוואַל פֿון באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע אינעם ערשטן ליטעראַרישן ייִדיש איז די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור, למשל די כּלערליי פּובליקאַציעס א״נ ספֿר מנהגים, ספֿר רפֿואות, סגולות ורפֿואות און די פֿאַרשיידענע הגדות, ווי אויך פֿאַרצײַטיקע ווערטערביכלעך (אַ שטייגער: חינוך קטן, פֿערט, 1750 א״אַ), אָדער דער פֿאַרצײַטיקער טוריסטן־ווײַזער דרכי ציון פֿון „משה פּרעגער דער שרײַבער" (1650), דער ספֿר המגיד און נאָך.

אַוודאי האָבן מיר אויסגעניצט די פֿאַרטײַטשן פֿון תּנך, משניות און גמרא: בליץ, וויצנהויזן, זאַלקינד, יהואָש, פּיעטרושקאַ א״אַ, ווי אויך די אַרבעטן וועגן לשון פֿון די הלכה־מקורים און בכּלל אַלטע טעקסטן: מרדכי בערנשטיינס אַרבעט וועגן די צוויי רעצעפּטביכער פֿון 1474 און 1509, עריקאַ טימס אַרבעט וועגן ערוך קטן (אַ כּתבֿ־יד פֿון 1290) א״אַ.

אַפֿילו אַזוינע יקר־המציאותן ווי די האַנטביכלעך פֿאַר סטאָליערס (י.־מ. בערמאַן), פֿאַר סוחרים פֿון דער פֿאַרב־בראַנזשע (י. פֿינקלער) האָבן מיר נישט אַדורכגעלאָזט.

די צאָל באַאַרבעטע מקורים איז אַ היפּש ביסל גרעסער ווי די מקורים וואָס אין דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון אויסגעניצטע מקורים. אָט זע׳מיר אַדורך פֿיר ביכלעך פֿון י. סודאַרסקי (בירעבידזשאַן, כאַרקעוו־קיִעוו, 1937; סטאַלינדאָרפֿער ראַיאָן, מאָסקעווע, 1933; קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן, מאָסקעווע, 1932 און נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן, מאָסקעווע, 1932), אָבער נאָר פֿון איינעם האָבן מיר באמת געשעפּט און דעריבער איז נאָר דאָס איינע נכלל געוואָרן אין דער ביבליאָגראַפֿיע.

געגעבן צו שטײַער צום אויסוואָקס פֿון דער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע אין ייִדיש האָבן אויך די כּלערליי פּובליציסטיש־אַגראָנאָמישע סך־הכּלען פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, ארץ־ישׂראל, באַסאַראַביע, בירעבידזשאַן, גאַליציע און ליטע. און באַריכטן פֿון עקספּערטן־קאָמיסיעס קיין בירעבידזשאַן און סורינאַם זענען וויכטיקע מקורים פֿון אַגראַרער און באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. דאָס אייגענע – די זכרונות און פּובליקירטע קאָרעספּאָנדענץ פֿון די פּיאָנירן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע (מרדכי אַלפּערטאָן, פּנחס ביזבערג, יצחק לאָסעוו, נח קאַצאָוויטש, יחזקאל שוחט א״אַ).

געאָגראַפֿישע האַנטביכלעך און נסיעה־אָפּמשלונגען זענען אַן אַנדער רײַכער מקור: ש. אַבראַמזאָן; אַ. בולקין; מ. בירנבוים און ד. קאַסעל; דוד בן־גוריון און י. בן־צבֿי (אַ פּרטימדיקער סך־הכּל וועגן ארץ־ישׂראל, אַרויס אין 1919); דוד בערגעלסאָן און עם קאַזאַקעוויטש (וועגן בירעבידזשאַן); פּרץ הירשביין; ל. טאַלמי; ד. כאַראַבין; נ. ראָזענבערג (גרוזיע, אַזערבײַדזשאַן, אַרמעניע); ווי אויך כּלערליי פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע ביכלעך (אילין וכ׳).

חוץ דער פּאָפּולער־מעדיצינישער ליטעראַטור וואָס אין די פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער האָבן אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט געשריבן ביכלעך און אַרטיקלען וועגן רפֿואה־געוויקסן: חנא גאַרבער, נ. גלויבערמאַן, דער טאַרלער רבי א״אַ. ס׳רובֿ פֿון אָט די אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט אין די אַגריקולטור־זשורנאַלן, ספּעציעל אין די זיבן יאָרגענג פֿונעם לעמבעריקער ייִדישער לאַנדווירט.

געשלאָסענע טערמינאָלאָגישע קאָלעקציעס געבליבענע אין מאַנוסקריפּט, אָבער וואָס ס׳איז אונדז פֿאָרט געראָטן צו זיי צוצוקומען און זיי אויסניצן, זענען: 1) דער אומפֿאַרגלײַכלעכער אוצר, וואָס אין די שוין דערמאָנטע צוויי כּתבֿ־ידן פֿון ס.אי. דאַנילאָוו און ב.א. טיכאָמיראָוו (ייִוואָ־אַרכיוו) – פּרטימדיקע וויסנשאַפֿטלעכע סך־הכּלען וועגן די געוויקסן פֿון בירעבידזשאַן. 2) דער כּתבֿ־יד אַגריקולטור: ייִדישע טערמינאָלאָגיע (אָרט־אַרכיוו אין ייִוואָ); 3) כ. ציפּינס דרײַ געזעמלען אַגראָטערמינען פֿאַרצייכנטע בײַ ייִדישע ערדאַרבעטערס פֿון דער קאָלאָניע יעפֿינגאַר, ניקעלײַעווער קרײַז, דרום־אוקראַיִנע (ייִוואָ־אַרכיוו).

# 2. אידענטיפֿיציר־פּראָבלעמען

## א) בײַם ייִדישן עטנאָבאָטאַנישן טערמין

אינעם קאַפּיטעלע „פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור און סיסטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע" דאָ אויבן און אין אַ פֿריִערדיקער אַרבעט (שעכ 1966) איז שוין געקומען צו רייד וועגן דעם עשירות אָבער אומפּרעציזקייט פֿון דער פּשוט־פֿאָלקישער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער נאָמענקלאַטור בײַ ייִדן און בײַ גויים. במילא שאַפֿט עס צרות בײַם וויסנשאַפֿטלעך אידענטיפֿיצירן די עטנאָבאָטאַנישע טערמינען אינעם רעד־ און שרײַב־לשון.

אָט נעמט בערעזקע. פּשוט, אַיאָ? ס'אַ קליינע בערעזע? סע קען טאַקע זײַן אַ קליינע בערעזע, אָבער – חוץ דעם – אויך אַ באַזונדער זגאַל בערעזע (Betula humilis) און אַ גראָזגעוויקס[1]. מיינט איר דאָך, אַז מיט די דרײַ ברירות זענט איר שוין דערשוווּמען צון אַ ברעג? איז ווידער ניין, וואָרן אויף אוקראַיִניש איז „בערעזקאַ" טײַטש אײן זאַך (Polygonum) און אויף רוסיש – אַן אַנדערע (Convolvulus arvensis). איז אַז מע געפֿינט בײַ בערגעלסאָן, קיפּניס, ברוסילאָוו, טאַבאַטשניקאָוו דאָס וואָרט בערעזקע, וואָס זשע איז עס טײַטש? תּיקו.

דאָס איז נאָך גאָרנישט. הערט ווײַטער, ווי שווער ס'איז צונויפֿצופּאָרן אַן עטנאָבאָטאַנישן טערמין מיט זײַן וויסנשאַפֿטלעכן, ליטײַנישן עקוויוואַלענט. מיר האָבן אין ייִדיש הינטשוואָמען, הינטישע שוועמלעך. ווי זשע הייסן זיי מיטן אינטערנאַציאָנאַלן, ליטײַנישן טערמין? דאָ הייבט זיך אָן אַ חתונה: די פּוילישע עקוויוואַלענטן פֿון הינטשוואָמען צי הינטישע שוואָמען (grzyb psi, psiaczy, psiak, psianka, psiary, psiar, psiara, psiarka, psieczki, psiobeda, psiobedka, etc.) הייסן אין דער וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע: Collybia velutipes, Marasmius oreades, Marasmius scorodonius, Coprinus fasciculare, Hypholoma fasciculare, Lepiota procera, Hydnum repandum, Tricholoma nudum, Amanita vaginata, etc. אויב מע נעמט אַרײַן אין קאָן, חוץ די פּוילישע מקורים, אויך די אוקראַיִנישע, רײַסישע, רוסישע, רומענישע, ליטווישע אאַז"וו, קומען צו נאָך ברירות: Agaricus lateritius, Agaricus galera. דאָס ייִדישע הינטשוואָמען און הינטישע שוועמלעך האָט דאָך אין פֿאַרשיידענע מקומות, פּונקט ווי בײַ די קאָטעריטאָריאַלע מיזרח־אייראָפּעיִשע שפּראַכן, געקענט באַצייכענען פֿאַרשיידענע זגאַלן. בײַם סטאַנדאַרדיזירן האָבן מיר געמוזט מחליט זײַן אַהין אָדער אַהער.

1) פֿממ 41: „אַ גראָז וואָס וואַקסט צווישן תּבואה".

האָבן מיר דעם מאַיאָריטעט־פּרינציפּ אַריבערגעטראָגן אויף דער פּוילישער שפּראַך – אָנגענומען די טײַטש וואָס אין פּויליש איז זי די פֿאַרשפּרייטסטע: היות אונדזערע מקורים ווײַזן דאָס ייִדישע הינטשוואָמען אויף דער פּוילישער שפּראַך־טעריטאָריע (טאָמעשעוו־מאַזאָוויעצק, י. באַשעוויס), האָבן מיר זיך משער געווען, אַז דאָס קער זיך איבעררופֿן מיט דעם פֿון די פּוילישע סינאָנימען, וואָס ר׳איז, אַ פּנים, דער פֿאַרשפּרייטסטער. האָט זיך באַקומען Marasmius oreades.

ווען מע לייענט אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן פֿעדערגראָז, פּאַפּ(אָ)ראָט, פּאַפּראָטיקע געוויקסן איז בדרך־כּלל נישט קלאָר וועגן וועלכן פֿון די ווײַטערדיקע סע רעדט זיך: Dryopteris filix-mas, Filicales, Filicineae, Filicophyta/Pterydophita, Polypodiaceae, Polypodium, Polypodium vulgare. די דערמאָנטע ייִדישע ווערטער ניצט מען נישט־דעפֿינירטערהייט און נישט־דיפֿערענצירטערהייט. אין געווי זענען מיר זיך נוהג אַזוי, אַז פֿאַרן העכסטן שייכדיקן קלאַסיראיינס, ד״ה פֿאַרן אָפּטייל, ניצן מיר דעם אויך אין ייִדיש אָנגענומענעם טערמין פּטערידאָפֿיטן; פֿאַרן צווייט העכסטן קלאַסיראיינס (דעם אונטעראָפּטייל) – דעם טערמין פֿעדערגראָז־געוויקסן; פֿאַרן דריטן (קלאַס) – פּאַפּראָט; פֿאַר דער מחנה – פּאַפּראָטישע; פֿאַר דער משפּחה, מין און זגאַל – אינדיווידועלע טערמינען. אַזויערנאָך וועלן מיר אויך אויף ייִדיש קענען פֿונאַנדערהאַלטן פֿונדאַמענטאַלע חילוקים. צו ניצן אַ גלײַכעניש פֿון אַן אַנדער פֿעלד: פּונקט ווי בײַם שרײַבן וועגן מיליטערישע ענינים מוז מען מבֿחין זײַן צווישן קאָרפּוס, דיוויזיע, בריגאַדע, פּאָלק, באַטאַליאָן, ראָטע און אָפּטייל, אַזוי טאָר מען אויך נישט צונויפֿמישן תּוכיקע באָטאַנישע קאַטעגאָריעס.

אַ מיכשול איז אויך די ברירה „קינסטלערישע אָפּמשלונגען אַקעגן באָטאַנישן טערמין". ווען מיר שטויסן זיך אָן בײַ הירשביינען, למשל, אין קאַרליקדעמבלעך, ווייסן מיר נישט: איז עס אַ קינסטלערישער אימאַזש אָדער אַ קאָנקרעטער זגאַל וואָס דער בעל־מחבר האָט געפּרוּווט צו באַנאָמענען? (Dwarf California Live Oak, Dwarf Canyon, Live Oak, Dwarf Chinkapin Oak, Dwarf Post Oak, etc.) דער אייגענער ספֿק איז אויך חל, ווען מע לייענט וועגן: ווײַסע בערעזע, שוואַרצער דעמב אאַז״וו – זענען טאַקע געמיינט די זגאַלן, וואָס אויך זייער ליטײַנישער, ענגלישער, רוסישער נאָמען איז כּולל דעם עפּיטעט ׳ווײַס׳, ׳שוואַרץ׳ (Betula alba; Quercus nigra), אָדער זענען זיי מערניטשט דעסקריפּטיווע עפּיטעטן? אין די וויסנשאַפֿטלעך פּרעציזע אָפּמשלונגען פֿון דער בירעבידזשאַנער פֿלאָרע אינעם זשורנאַל פֿאָרפּאָסט איז ווײַסע בעריאָזע איינטײַטשיק (Betula alba), אָבער אין דער בעלעטריסטיק לאַוו־דווקא.

און וואָס איז אייערשוועמל (בײַ סטוטשקאָוו)? אויב מיר זאָלן זיך סומך זײַן אויף אוקראַיִניש („יאַיעטשניק", „יאַיעטשניצאַ"), איז עס איין שוועמל (Amanita caesarea); אויב, ווידער, מיר זאָלן גיין לויט דײַטשיש, איז עס גיכער אַן אַנדער זגאַל (Cantharellus cibarius). בכּלל האָבן די נישט־דעפֿינירטע טערמינען בײַ סטוטשקאָוו און די פֿאַלש דעפֿינירטע אין גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך אונדז אָנגעמאַכט גענוג צרות. ווען מיר זעען, אַ שטייגער, בײַ סטוטשקאָוו לונגענבלום, זענען מיר זיך משער, אַז מע האָט דאָ געוואָלט פֿאַרייִדישן דאָס עלטערע און אַ ביסל דײַטשמערישע לונגענקרויט. אָבער קיין זיכערקייט דערין איז נישטאָ. אויך מיטליצע, מעטליצע (Agrostis; Apera spica-venti) האָבן אין פֿאַרשיידענע לשונות און מקומות – פֿאַרשיידענע טײַטשן, און ווען מיר זעען זיי פֿאַרצייכנט בײַ סטוטשקאָוו, איז נישט קלאָר וועלכס ס׳איז געמיינט.

אַזוי איז אויך מיט טאַטאַרניק/טאַטערניק. בײַ פּויליש־ייִדישע שרײַבערס (אָפּאַטאָשו, כאַפּן מיר אָן) איז עס איין געוויקס; בײַ די וואָלינער – עפּעס אַנדערש. אויך טשערעמכע (Prunus avium; Prunus padus) איז נישט אײנטײַטשיק. דערצו קומען נאָך צו פֿאַרפּירערישע נעמען, וואָס זיי רופֿן גאָר אָן – נישט קיין געוויקסן. ים־אוגערקע איז נישט קיין אוגערקע, נאָר אַ בעל־חי. גאָליש־עפּעלע, אָדם־(הראשון־)עפּעלע זענען גאָר קיין עפּל נישט. פּיבערקרויט איז נישט קיין קרויט (cabbage), און ס׳איז בכלל סך־טײַטשיק; סטוטשקאָוו פֿאַרצייכנט עס טאַקע ווי גלאַט אַ געוויקס, אָבער אין דײַטשיש האָט עס כלערליי טײַטשן, און סע קער טאַקע זײַן גיכער אַ דײַטשיש וואָרט ווי אַ ייִדישס. ד״ר אַבֿרהם טעללער האָט שוין אָנגעוויזן (אין זײַנע ביז גאָר אינפֿאָרמאַטיווע הערות צו יששׂכר־בער טעללערס באר מים חיים, ז׳ 97), אַז לויט גרימס ווערטערבוך איז Mutterkraut כולל פֿאַרשיידענערליי געוויקסן.

אין דער אידענטיפֿיצירונג פֿון קולטיווירטע סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן זענען אויך געמאָלט סך־טײַטשיקייטן און במילא טעותן. פֿון די צוויי זגאַלן פֿאַסאָליע Phaseolus vulgaris; Phaseolus coccineus, אַ שטייגער, זענען באַקאַנט פֿינעף הונדערט (!) קוליווירטע סאָרטן. אונדזער אינפֿאָרמאַנטקע פֿון גוואָזדאָווקע האָט אידענטיפֿיצירט ראַבע פֿאַסאָליעס (פֿאַקטיש אַרויסגערעדט /ROBE/) מיט kidney beans און אַזוי ווי זי איז געווען אַ דאָרפֿישע, וואָס האָט נישט נאָר געגעסן פֿאַסאָליעס, נאָר זיי געצויגן אויך, פֿאַרלאָזן מיר זיך אויף איר. פֿונדעסטוועגן זענען מיר נישט גרייט צו שווערן, אַז אַ טעות קען דאָ נישט געמאָלט זײַן.

## ב) בײַם ענגלישן טערמין

בײַם ענגלישן עטנאָבאָטאַנישן טערמין קומען פֿיר אָן אַ שיעור פּלאָנטערדיקע טערמינען, וואָס טייל מאָל (אָדער געגנטנווײַז) זענען זיי סינאָנימען, טייל מאָל (אָדער געגנטנווײַז) – אַנטאָנימען. „אין לפּלאָנטער סוף״. איין ציטאַט מערנישט לדוגמא:

”(...) just what is the difference between blueberries and huckleberries, anyway? For the most part it is a matter of tradition and local naming which is extremely variable throughout the country and causes much confusion. The two terms are used interchangeably and sometimes inconsistently, depending on whether you happen to be in New England, the Midwest, the deep South or the West Coast. However, botanists (...) divide them into two different genera: Blueberries, *Vaccinium* (...) and huckleberries, *Gaylussacia* (...). Consider the lady who settled the matter once and for all, when she declared, ”Where we live, we call the huckleberries blueberries if we eat them, but the huckleberries that we can’t eat, we cook with and we call them crackleberries.”[2]

## ג) בײַם אינטערנאַציאָנאַלן טערמין

אין דער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע איז דאָך אָנגענומען, אַז איטלעכס געוויקס און איטלעכער בעל־חי האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלן, ליטײַנישן

---

2) Peggy Hopkins, ”Blueberries on the Beach,” The New York Times, April 16, 1972, p. D35.

נאָמען. בלויז די אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען זענען באמת דער רעזולטאַט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אָבסערוואַציע און סיסטעמאַטישן אַדורכקלער. במילא זענען זיי אויך די קלאָרסטע, איינטײַטשיקסטע טערמינען. בעת בײַ די געוויקסן־נעמען אין די באַזונדערע לשונות – אין דער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור – טרעפֿט זיך דאָך אָן אַ שיעור מאָל, אַז מיטן זעלביקן נאָמען זאָל מען אָנרופֿן כּלערליי געוויקסן און, פֿאַרקערט, איין געוויקס זאָל האָבן כּלערליי נעמען, האָט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטײַנישער נאָמענקלאַטור איין געוויקס נאָר איין נאָמען, על־כּל־פּנים „אין פּרינציפּ".

איז דאָך גוט, טויג ערשט נישט. סע בײַטן זיך די וויסנשאַפֿטלעכע שיטות, מע אָבסערווירט נײַע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון געוויקסן, מע איז מחדש סיסטעם־חידושים און סע בײַט זיך במילא אויך די וויסנשאַפֿטלעכע נאָמענקלאַטור. בײַ איין באָטאַניקער קער דאָס געוויקס אַלף צו דער משפּחה ראובֿן, בײַם צווייטן – צו דער משפּחה שמעון. אָט האָט איר אַ משל: פֿאַראַן אַ שוועמל Jew's-ear ‏(Judasohr, Judenohr), וואָס אייבעלסאָנס ווערטערבוך – ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט – האָט עס נאַזווערהייט געפּרוּווט אײַנצופֿירן אין ייִדיש טאַקע מיטן האַלב דײַטשישן און גאַנץ אַנטיסעמיטישן נאָמען „יודען־אויער". (מיר האָבן עס משנה־שם געווען אויף אויערשוועמל.) אין די פֿאַרשיידענע אײַנקוקביכער פֿיגורירט עס אָבער מיט פֿאַרשיידענע ליטײַנישע נעמען: אין *Encyclopaedia Britannica* אויף איין שטייגער (Auricularia auriculara-judae); אין *Webster's New Twentieth Century Dictionary* (1968) – אויף אַ צווייטן (Hirneola auriculara-judae); אין בראָקהאַוז־לעקסיקאָן – אויף אַ דריטן (Auricularia sambucina). דאַכט זיך, אַ פּשוטע זאַך און פֿאָרט – איין געוויקס מיט דרײַ אַנדערשדיקע אידענטיטעטן! (וועגן דער פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דאָרטן קען איין געוויקס האָבן אַ טוץ צי אַפֿילו אַנדערט האַלבן טוץ נעמען.)

אַ צווייט משל: דינקע (cantaloupe) האָט לויט איין אײַנקוקבוך – איין ליטײַנישן נאָמען (Cucumis melo cantalupensis), לויט אַן אַנדערן – אַן אַנדערן (Cucumis melo reticulata).

אַ דריט משל ווי שווער ס'איז אַ מאָל צו אידענטיפֿיצירן אַ געוויקס, וואָס מיר האָבן זײַן ייִדישן נאָמען און ווילן דערגיין דעם ליטײַנישן: דאָס געוויקס פּאַשע־קרויט האָבן מיר אין דרײַ פֿאַרשיידענע מקורים געפֿונען מיט דרײַ פֿאַרשיידענע ליטײַנישע טערמינען און על־פּי וויסנשאַפֿטלעכן דין דאַרף דאָך זײַן איין־איינציקער ליטײַנישער טערמין! האָבן מיר טאַקע בלית־ברירה אויסגעקליבן איינעם פֿון די דרײַ און זאָלן אונדז די אַנדערע צוויי מוחל זײַן...

בײַ די אינטערנאַציאָנאַלע נעמען האָבן מיר זיך (בדרך־כּלל) געהאַלטן בײַם אַרומנעמיקן *Standardized Plant Names* (דאָ ווײַטער: סט). אַזוי אויך בײַ די ענגלישע. אויב דאָרטן שטייט אויסגעלייגט אין איינעם Jackinthepulpit, האָבן אויך מיר זיך אַזוי נוהג געווען. דאָרטן ווו אָט דער מקור האָט נישט געקלעקט, האָבן מיר געפֿאָלגט די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער *Encyclopaedia Britannica*. (בנוגע tree fern זע'מיר געגאַן מיט דער *Britannica*, נישט מיט *St*.) די דריטע פּריאָריטעט אין דער נאָרמאַטיווער היעראַרכיע האָט בײַ אונדז געהאַט *Webster*. די פֿערטע – *Brockhaus*. די פֿיפֿטע – *Ботанический словарь*. די זעקסטע – *Большая Советская Энциклопедия*. בנוגע ארץ־ישׂראל־געוויקסן האָט די צווייטע פּריאָריטעט – נאָך *St* – בײַ אונדז געהאַט איג־פֿינברונס מגדיר לצמחי ארץ ישראל. אויב מיר האָבן אָבער געפֿונען פֿון איין זײַט *St* און פֿון דער אַנדערער אַרט – אַ הסכּם

צווישן עטלעכע פֿון די נאָר וואָס אויסגערעכנטע מקורים, האָבן מיר זיך נוהג געווען לויטן פּרינציפּ אַחרי־רבים־להטות. אין פֿיר מקורים, למשל, האָבן מיר געפֿונען Najas און נאָר אין *St* – Naias, זענען מיר געגאַן מיט דער מאַיאָריטעט, כאָטש סע קען געזײַן, אַז די מאַיאָריטעט איז אומגערעכט. ס'איז אָבער, ווי געזאָגט, נישט אונדזער עסק צו סטאַנדאַרדיזירן די אינטערנאַציאָנאַלע נאָמענקלאַטור.

בײַ געוויקסן, וואָס זיי וואַקסן אין ענגליש־רעדנדיקע לענדער, מאַכן מיר נישט קיין אָפּשיקן פֿון איין ליטײַנישן נאָמען צום אַנדערן; בײַ ישׂראל־געוויקסן טוען מיר עס יאָ – מיר שיקן אָפּ (אויב ס'איז דאָ אַ סתּירה) פֿונעם ליטײַנישן טערמין, וואָס אין מגדיר לצמחי ארץ ישראל צום ליטײַנישן טערמין וואָס אין *St*, וואָרן דער ישׂראל־באַניצער פֿון געווי וועט זיך גיכער באַניצן מיטן מגדיר ווי אַן אַרויסגיי־פּונקט.

אַפֿילו אין דער ליטײַנישער טערמינאָלאָגיע, וואָס זי איז דאָך די סטאַבילסטע, די ראַיעלסטע, די קראַנטסטע, זענען, הייסט עס, דאָ פּלאָנטערס און סתּירות – טייל מאָל כראָנאָלאָגישע, טייל מאָל – תּוכיקע, טייל מאָל – אָרטאָגראַפֿישע. אַזאַ פּלאָנטער אינעם שרײַב־אופֿן פֿונעם ספּעציפֿירנדיקן צוגאָב קען מען, למשל, געפֿינען בײַ די בירעבידזשאַנער געוויקסן: Betula dahurica, Lillium dauricum, Larix davurica, ווו דער אייגענער אַדיעקטיוו (אַרויסגעפֿירט פֿונעם נאָמען פֿון אַ טײַך) ווערט איבערגעגעבן אויף דרײַ אופֿנים. מיר האָבן דאָ געלאָזט די אומאויסגעהאַלטנקייטן – מיר'ן דאָך נישט גיין און מסיג־גבֿול זײַן, זיך אַרײַנמישן אין פּראָבלעמען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַל סטאַנדאַרדיזירטער נאָמענקלאַטור, אַפֿילו ווען זי איז באַשײַמפּערלעך אומאויסגעהאַלטן. אויך בײַ די ייִדישע עקוויוואַלענטן פֿון די נאָר וואָס דערמאָנטע געוויקסן איז דאָ אַ שטיקל מישעניגע: דאַורער, דאַהורער און דאַורישער, אָבער פֿאָרט איז דאָ דאָס וואַקלעניש קלענער ווי אין דער ליטײַנישער טערמינאָלאָגיע, און דאָ האָבן מיר יאָ אוניפֿיצירט: דאַורער, כאָטש מיר ווײַזן אָן אויך די מקורים מיט די אַנדערע צוויי פֿאָרמעס.

אַ מאָל איז דאָ די סתּירה צווישן צוויי באָטאַנישע נעמען דער רעזולטאַט דערפֿון, וואָס איין טערמין איז עלטער און דער צווייטער – נײַער. איז אָבער אַפֿילו דאָס נישט גרינג צו דערגיין. לויט *St* איז Lavandula officinalis דער הײַנטיקער טערמין, בשעת Lavandula spica-vera – דער עלטערער, אָבער לויט *Wise Garden Encyclopedia* איז עס גאָר פֿאַרקערט! נו, גיי ווייס, ווער ס'איז גערעכט.

# 3. נאָרמיר־פּראָבלעמען

## א) דאָס לשון פֿונעם קאָלאָניסט צי פֿונעם באָטאַניק־ און ייִדיש־לערער?

אין דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע זענען פֿאַראַן אַ שלל מיט סינאָנימען און וואַריאַנטן – כראָנאָלאָגישע, רעגיאָנאַלע, פּראָפֿעסיאָנעלע און סטיליסטישע. דער רעזולטאַט, ווי אויבן שטייט: עשירות און צעטומלעניש. אָט האָבן מיר פֿאַרן מין Equisetum Horsetail אויפֿגעדעקט אין דער ליטעראַטור אַזש צוועלעף סינאָנימען און וואַריאַנטן: עקוויזעטום, עקוויסעטום, עקיסעטום, וויטשן־געוויקס, וויטשנקוסט, שלייפֿגראָז, שאַכטלשטרוי, פֿערד־עק, קאַסטנשטרוי, קייטלשטרוי און קייטלרוט. און – ווער ווייסט? – פֿאַראַן אפֿשר נאָך.

בראשית – אין אָנהייב איז געווען דאָס ערשטע ליטעראַרישע ייִדיש, וואָס ס'איז זיך סומך געווען אויף די מערבֿ־ייִדישע רעדנישן – דאָס לשון פֿון אונדזערע אָבֿות־אַבֿותנו אין דײַטשלאַנד, עלזעס, האָלאַנד, עסטרײַך, פּיים (ביימען), לאָמבאַרדיע, דענמאַרק. אַהער קערן די געוויקסן־נעמען וואָס זיי ווערן דערמאָנט אין די פֿאַרצײַטיקע מנהגים־ביכלעך, אין די כּלערליי ביכעלעך מיט פֿאָלק־מעדיצינישע עצות אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. פֿונעם הײַנטיקן קוקווינקל זענען יענע געוויקסן־נעמען אין דער בחינה פֿון אַרכאַיִזמען.

אויב, ווידער, מיר קוקן זיך צו צו דער מאָדערנער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע, גילט איין נוסח בײַ די משׂכּילישע, פּאָפּולאַריזאַטאָרישע פּיאָנירן, וואָס זיי האָבן צו דער וועלט פֿון געוויקסן אין תּוך אַרײַן געהאַט נאָר אַן אומדירעקט שײַכות, און אַ סך מאָל זיך פּשוט נישט אָריענטירט מיט וואָס דאָס איינע געוויקס איז אַנדערש פֿונעם צווייטן. אַהער קערן די מחברים פֿון ווערטערביכלעך (האַרקאַווי און אַפֿילו שפּעטערדיקע, דערעיקרשט מאַרגינאַלע לעקסיקאָגראַפֿן) און פֿון ענציקלאָפּעדיעס (אייבעלסאָן), פֿון פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע ביכלעך און אַרטיקלען: י.־ל. פּרץ, א.־ש. זאַקס א״אַ. זיי האָבן אין ייִדיש אײַנגעפֿירט הונדערטער באָטאַנישע טערמינען, דער הויפּט סתּם געשעפּטע פֿון דײַטשיש. דער גרויסער אויסנעם איז דאָ דער ווונדערלעכער בעל־לשון י.־מ. (שיִע־מאָטל) ליפּשיץ, וואָס ער האָט אין זײַנע ווערטערביכלעך כּמעט אויף קיין איין רגע נישט פֿאַרגעסן דעם חילוק צווישן ייִדיש און צווישן דײַטשיש. געענדיקט האָט זיך אָט די פּיאָנירישע תּקופֿה בדרך־כּלל מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער צווייטער ציבור ניצערס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע קומט ווי אַ דירעקטער כראָנאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער יורש

פֿונעם משׂכּיליש־פּאָפּולאַריזאַטאָרישן. ס'איז די וועלט פֿון די ייִדישע באָטאַניקערס אין אַ ברייטערן פּשט: די מחברים פֿון די באָטאַנישע, ביאָלאָגישע און געאָגראַפֿישע לערן־ און לייען־ביכלעך, ווי אויך בכּלל די לערערס און תּלמידים פֿון די ייִדישע שולן אין מיזרח־אייראָפּע, 1918־1939, אין קלאַס און אויף נאַטור־עקסקורסיעס. הינטער זיי שאָטנט אַרויס די ייִדישע שפּראַך־נאָרמירונג, די נאַציאָנאַלע פֿילאָלאָגיע. מע פּרוּווט זיך באַפֿרײַען פֿון דײַטשמעריש, כאָטש דער פּרוּוו געראָט נאָר צום טייל. מע היט זיך אויס פֿון צו אַ שטאַרקער סלאַווישער השפּעה: אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד – מער; אין ראַטן־פֿאַרבאַנד – ווינציקער. דער עיקר: מע האָט נישט קיין מורא פֿאַר נײַשאַפֿונגען.

די ביז איצט דערמאָנטע צוויי ציבורס זענען „טעאָרעטיקערס", אַזוי צו זאָגן. זייער מכשיר איז נישט די סאָכע, נאָר דאָס ביכל. אַנדערש איז אָבער מיטן דריטן – און גרעסטן – ציבור: די פּראַקטיקערס, די וועלט פֿון די סתּם ייִדן. צון איר קערן צום אַלעם ערשטן די עטלעכע הונדערט טויזנט קאָלאָניסטן, פֿונעם אַכצעטן יאָרהונדערט אָן, קודם אין אוקראַיִנע, באַסאַראַביע, גאַליציע, מאַרמעראָש, רײַסן, עטנישע ליטע און קאָנגרעס־פּוילן, און דערנאָכדעם אין ארץ־ישׂראל, אַרגענטינע, די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, קרים און בירעבידזשאַן. ס'איז דאָס לשון פֿון עמך – די ערדאַרבעטערס, סאַדאָווניקעס, גערטענירערס, פֿאַרמאָגערס פֿון בײַשטאָטישע באַלעבאַטישקייטן אָדער בײַשטובּיקע גערטענער, ווי אויך די וואַלדאַרבעטערס. אין מאַרמעראָש, למשל, איז דאָך אַ גרויסע טייל פֿון דער ייִדישער ווירטשאַפֿט – 28 פּראָצענט! – געווען עובֿדי־אַדמה; אין גאַליציע – 18 פּראָצענט (בירנבוים 17:1979). אין רוסלאַנד אַליין האָבן סוף 19טן י"ה 68,959 ייִדן געלעבט פֿון ערדאַרבעט (ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אינעם קאַפּיטעלע „אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור"). הײַנט ווו איז גאַליציע, מאַרמעראָש, קאַרפּאַטן־לאַנד, ארץ־ישׂראל, אַרגענטינע און פֿאַראייניקטע שטאַטן?

אַ נאָענט שײַכות צו דער וועלט פֿון צמחים האָבן אין מיזרח־אייראָפּע אויך געהאַט די אויפּס־ און גרינסן־הענדלערס, קלייטניקעס און וואַלדשאַפֿערס. עקאָנאָמיש איז דאָס אַ פֿאַרשיידנדיקער עלעמענט: צום מײנסטן זענען זיי געווען אומפֿאַרמעגלעכע האָרעפּאַשניקעס, אָן וועלטלעכער בילדונג; סע קערן אָבער צו אָט דעם ציבור אויך די צענדליקער אויסשטודירטע ייִדישע אַגראָנאָמען, די רײַכע ערד־פֿאַרמאָגערס – דאָס ביסל ייִדישע פּריצים פֿון גאַליציע און קאָנגרעס־פּוילן (די ערשטע – אָפּגעמשלט אין די זכרונות פֿון שמואל מאַרגאָשעס), די מוכר־תּבֿואהניקעס, טאַרטיק־באַלעבאַטים, געהילץ־סוחרים אאַז"וו.

דאָס לשון פֿון די פּראַקטיקערס איז ווײַט פֿון פּוריזם. אָט דער ציבור האָט נישט קיין אַמביציעס פֿון שפּראַכבוי. מיט אַ ברייטער האַנט שעפּט מען פֿון אוקראַיִניש, פּויליש, דײַטשיש, רײַסיש, רוסיש, ליטוויש, רומעניש, אונגעריש, אַראַביש, דזשודעזמיש, שפּאַניש, ענגליש אאַז"וו. ס'איז דאָס לשון פֿון אַזוינע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס ווי: דער קאָלאָניסט פֿון ירושלים (1893־1895); דער קאָלאָניסט פֿון דאָמינגעז־ענטרע־ריִאָס (1916־1917?); דער אַרגענטינער קאָלאָניסט־קאָאָפּעראַטאָר (1917־1976); אַלטנײַלאַנד (1919־1925); באַהערשן די טעכניק פֿון דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע (1932־1934); דער צו ערשט לעמבעריקער, דערנאָכדעם וואַרשעווער ייִדישער לאַנדווירט (1928־1939), דער בירעבידזשאַנער שטערן (1930־), דער קאַלינינדאָרפֿער קאָלווירט־עמעס (1930־1935?), דער נײַ־זלאַטאָפּאָליער קאָלווירט־שטערן (1931־1936?), די ניו־יאָרקער אידישער

פֿאַרם־אַלמאַנאַך (1915־1917), יודישער פֿאַרמער (1891־1892) און ייִדישער פֿאַרמער (1908־1959), דער מינכענער שארית־הפּליטה־זשורנאַל לאַנדווירטשאַפֿטלעכער וועגווײַזער (1946־1948) א״אַ.

בדרך־כּלל דעקט זיך די טערמינאָלאָגיע פֿונעם דריטן ציבור – פֿון די פּראַקטיקערס – מיטן רעד־לשון. דעם חילוק קען מען סכעמאַטיש אילוסטרירן: ווײַדנבוים – בײַם ערשטן ציבור, הושענא־בוים – בײַם צווייטן (מחוצן ראַטן־פֿאַרבאַנד), ווערבע – בײַם דריטן.

אָן אַנדער צד איז די ייִדישע ליטעראַטור. זי ציט אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. די מעמואַריסטיק איז נוטה צום לשון־בכּל־יום; די זכרונות פֿון פּרץ הירשביין, אַ שטייגער, שפּיגלען אָפּ דאָס לשון פֿון סתּם דאָרפֿסלײַט, מילנערס אאַז״וו. די בעלעטריסטיק איז ווי בײַ וועמען – בײַ בערגעלסאָן, קיפּניס, קולבאַק, נח לוריע (אָן אויפֿגעוואָקסענער אין דער אַגריקולטור־קאָלאָניע נײַ־זלאַטאָפּאָליע) הייסן די געוויקסן מיט די נעמען, וואָס בײַ אונדזערע אָבֿות־אָבֿותינו. דער נסתּר און שטיינבאַרג, ווידער, באַרײַכערן שוין די ייִדישע שפּראַך מיט נײַשאַפֿונגען – זיי איז דאָס געירשעטע טערמינענוואַרג נישט גענוג. טייל בעלעטריסטן ניצן טערמינען פֿון דער שול־טערמינאָלאָגיע (סוצקעווער, שעכטמאַן). אין דער פּאָעזיע – סײַ דאָס ירושהדיקע ווערטערוואַרג, סײַ נעאָלאָגיזמען און אינטערנאַציאָנאַליזמען פֿאַר די נײַע, אַ מאָל „עקזאָטישע״ (לייען: טראָפּישע און סובטראָפּישע) צמחים. מע קען דעם חילוק, למשל, אָבסערווירן בײַ דעם געוויקס, וואָס אין דער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור הייסט עס טײַוול־פּאַדעם, און אין דער בעלעטריסטיק – טײַוולסהאָר.

ווען סע קומט צום נאָרמירן, איז אַ צרה אין פֿריידן: אַ חסרון די כּלה איז צו שיין – צו פֿיל סינאָנימען און וואַריאַנטן. ווי סע זינגט זיך אין יענעם ליד: „איצט הייבט זיך אָן צו פֿרעגן די שאלה: וועלכע פֿון די ביידע זאָל איך נעמען פֿאַר אַ כּלה?״ נו טאַקע, וועלכע פֿון די ביידע, צי פֿון די פֿינעף, זעקס, און טייל מאָל צען און מיין סינאָנימען און וואַריאַנטן זאָל מען סטאַנדאַרדיזירן, ד״ה אויסקלײַבן וויי דעם טערמין מיט דער האַ־הידיעה, לכל־הפּחות פֿאַר דעם ייִדיש־ניצער, וואָס ער זוכט אַ סטאַנדאַרדיזירטן טערמין? און וועלכן געאָגראַפֿישן וואַריאַנט? און פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע און סטיליסטישע וואַריאַנטן – דעם אַגראָנאָמס טערמין (ווײַסער קלעווער; צווייקאַנטיקער אָדער צוויי־שורהדיקער גערשטן)? דעם טערמין פֿון די לערן־ביכלעך (משוגע־קאַרש), צי דעם פֿון דער בעלעטריסטיק (שיכּור־ווײַנשל, למשל בײַ עלי שעכטמאַן)? דעם וואָכעדיק־רעאַליסטישן אָדער דעם שבת־יום־טובֿדיק־פּוריסטישן?

אַ סך מאָל איז עס אַ ויתרוצצו צווישן רעדשפּראַך און צווישן שרײַבשפּראַך. דאָ איז נישט גרינג צו פּסקענען. דער פּרווו פֿון אַ נאָרמירטער טערמינאָלאָגיע, וואָס מיר ברענגען אין גאָווי, איז דאָך געמיינט נישט נאָר פֿאַרן לשון־שבכּתבֿ, וואָלט געווען אומשׂכלדיק סתּם אָפּצוגעבן די בכורה דער שרײַבפֿאָרמע. דער פֿאַרקערטער גאַנג וואָלט אָבער אויך געווען קרום – מיר זענען טאַקע מבֿטל דאָס דײַטשוואַרג פֿון 1890־1915 (און אַפֿילו שפּעטער) און דאָס נאַיִווע קאָנסערוואַטיווקייט, וואָס סע האַלט זיך געטרײַ בײַם פֿרעמדן און איגנאָרירט דאָס אייגענע. מיר קענען אָבער אויך נישט גלאַט אַוועקגיין פֿון צו פֿיל טראַדיציעס פֿונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט. פֿון דער אַנדערער זײַט, וואָלט דער צונויפֿשטעלער פֿון גאָווי נישט געווען קיין לינגוויסט מיט אַ שטאַרקן אינטערעס אין דיאַלעקטאָלאָגיע, וואָלט אויך ער אפֿשר זיך גלאַט געהאַלטן בײַם כּכּתובֿ. ווער סע האָט זיך אָבער איין מאָל

אוועקגעלאָזט שווימען אינעם ים־הרעד־לשון, דער וועט מיין נישט אַזוי פּשוט זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן „אַזוי־שטייט־בײַ־האַרקאַווי" (צי בײַ סטוטשקאָוו).

מיר האָבן געפּסקעט פֿון פֿאַל צו פֿאַל: אַ מאָל האָבן מיר אָפּגעקליבן דעם טערמין, וואָס מע האָט געלערנט אין די ייִדישע שולן; אַ מאָל – דאָס קלאַסישע וואָרט; אַ מאָל – ביידע (אי טערען, אי דאָרנדיקער פֿלוימענבוים). כאָטש ס'איז אונדז כּסדר געשטאַנען פֿאַר די אויגן דער טערמינאָלאָגישער אימפּעראַטיוו „איין נאָמען פֿאַר איין אָביעקט", האָבן מיר, פּונקט ווי אין די נאָרמירנדיקע ווערק פֿון אַנדערע לשונות, געמוזט מאַכן פּשרות בײַ לאַנגאָניקע ווערטער, און אין אַ פּאָר פֿאַלן – געגעבן מער ווי איין ברירה. ווי נאָרמאַטיווע אָריענטירן האָבן מיר גענוצט:

1) דעם ספּעציפֿישקייט־ אָדער אַנדערשקייט־פּרינציפּ: פֿון פֿאַראַנענע סינאָנימען און וואַריאַנטן זאָל די בכורה האָבן דער, וואָס ער איז ספּעציפֿישער, ייִדישער, בפֿרט אויב ער איז אויפֿגעקומען אין ייִדיש גופֿא.

2) דעם מאַיאָריטעט־פּרינציפּ: בר־מצרא איז דער סינאָנים צי וואַריאַנט, וואָס געאָגראַפֿיש איז ער פֿאַרשפּרייטער פֿון אַן אַנדערן, ד"ה ער איז געניצט געוואָרן פֿון אַ רעלאַטיווער צי גאָר אַבסאָלוטער מאַיאָריטעט ייִדיש־רעדערס (אַחרי רבים להטות). אויך צווישן די שרײַבשפּראַכיקע פֿאָרמעס דאַרפֿן בילעכער זײַן די, וואָס זיי זענען פֿאַרשפּרייטער.

3) דאָס באַלאַנסירטקייט צווישן רעד־ און שרײַב־לשון. מיר ווייסן, ווי געזאָגט, פֿונעם נאַזיון גאַנג, אַז נאָר דער כּכתובֿ איז אַ יש, און דאָס גערעדטע איז נישט מער ווי „פֿאַרגרײַזט". מיר האָבן געפּרוּווט יוצא זײַן סײַ לגבי גערעדטקייט, סײַ לגבי געשריבנקייט, וואָרן אונדזער כּוונה איז דאָך, אַז די נאָרמירטע נאָמענקלאַטור זאָל האָבן אַן אחיזה, כאָטש נישט קיין גלײַך שטאַרקע, אין אַלע סטילפֿאָרמעס פֿון מאַמע־לשון. דאָס אָנגענומענקייט נאָר אינעם רעד־לשון אָדער נאָר אינעם שרײַב־לשון איז ווי אַ מענטש נאָר מיט איין פֿוס.

4) קירצער איז בעסער, סײַדן דאָס קירצערע וואָרט איז סותר די פֿריִערדיקע פּרינציפּן.

5) אַן עלטערע לעבעדיקע פֿאָרמע איז בילעכער פֿון אַ ייִנגערער לעבעדיקער פֿאָרמע, אָבער אַ ייִנגערע לעבעדיקע פֿאָרמע איז בילעכער פֿון אַן עלטערער טויטער, ד"ה בילעכער פֿון אַן אַרכאַיִזם.

6) דאָס עטימאָלאָגישע אומדורכזעיִקייט איז בילעכער.

לאָמיר ברענגען צוויי דוגמות צו ווײַזן דעם אָנווענד פֿון די נאָר וואָס אויסגערעכנטע פּרינציפּן. פֿאַראַן אַ זגאַל מאָך, וואָס אין דער ייִדישער באָטאַנישער ליטעראַטור טרעפֿן מיר אים אָן מיט די נעמען: בערנמאָך, האָרמאָך, האָרמעך, פֿרויענהאָר, גאָלדענער צאָפּ, קוקומאָך, קוקולײַן, קוקאַוועקע־גראָז, קוקאַוועקע־פֿלאַקס – אַכט סינאָנימען, און איינס פֿון זיי – אין צוויי וואַריאַנטן. די אַלע נײַן פֿאָרמעס קערן זײַן נעאָלאָגיזמען, אַזוי אַז די קריטעריע געאָגראַפֿישער פֿאַרשפּרייט פֿאַלט אַוועק. אָריענטירנדיק זיך אויפֿן ספּעציפֿישקייט־פּרינציפּ האָבן מיר רעקאָמענדירט צוויי: גאָלדענער צאָפּ און קוקומאָך. (אַלע נײַן זענען אָבער פֿאַרצייכנט אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער.)

אָדער די קאָנקורענץ, אינעם ליטעראַרישן ייִדיש, צווישן בערעזע, בעריאָזע, באַראָזע, בעראָזע, ברעזע און בזשאָזע. די עטימאָלאָגיע איז קלאָר: אוקראַיִניש, רוסיש, רײַסיש און פּויליש. עטימאָלאָגיש וויסיק איז דער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר אָבער נאָר וועגן בעריאָזע און בזשאָזע, בעת בערעזע איז שוין אויף אַזאַ סך אינטעגרירט אין ייִדיש – ס'קער אויך זײַן היסטאָריש עלטער – אַז סע ווערט געפֿילט ווי דאָס

ייִדישסטע. בעריאָזע, ווידער, נישט נאָר פּילט מען עס ווי אַ רוסיזם, נאָר ס׳איז אויך פֿרעמד פֿון אַן אַנדער קוקווינקל: סע ווערט בעל־פּה געניצט דערעיקרשט פֿון רוסיפֿיצירטע ייִדן. אין גערעדטן ייִדיש איז בעריאָזע כּמעט ווי נישטאָ. ווי זשע איז עס אינעם לעבעדיק גערעדטן ייִדיש פֿון נישט־רוסיפֿיצירטע ייִדן, אין די דיאַלעקטן? אין ליטע און רײַסן – [באַראָזע, בעראָזע, בראָזע], אין אוקראַיִנע – [בערעזע, ברעזע], אין קאָנגרעס־פּוילן און מערבֿ־גאַליציע – [בזשאָזע]. אין דרוק טרעפֿט מען באַראָזע און בראָזע למעשׂה קיין מאָל נישט – די וואָס ניצן די פֿאָרמעס בעל־פּה, ניצן ס׳רובֿ דעם רוסיזם בעריאָזע בכּתבֿ; אַ וואָרט וואָס סע האָט נישט קיין אָנשפּאַר אינעם גערעדטן ייִדיש איז אָבער שווער צו רעקאָמענדירן ווי דעם טערמין. ברעזע, ווידער, טרעפֿט זיך יאָ (בײַ מ.־מ. שאַפּיר א״אַ), אָבער נישט צו אָפֿט. איז געבליבן: בערעזע – פֿאַר די זגאַלן מיט לאַנגאָניקע נעמען, ברעזע – פֿאַר די זגאַלן, וואָס מע האָט ערשט געדאַרפֿט באַנאָמענען.

געוויינטלעך, אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער ברענגען מיר אַלע סינאָנימען און וואַריאַנטן, וואָס מיר האָבן זיך אין זיי אָנגעשטויסן, אָדער וואָס ס׳איז אונדז געראָטן זיי אָפּצוזוכן. אָבער כאָטש מיר זענען אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער אויסן רעלאַטיוו אויסשעפּיקייט, דאָס הייסט, דער דעסקריפּטיוער צוגאַנג האָט געמוזט געוועלטיקן, האָבן מיר אויך דאָרטן נישט פֿאַרגעסן דעם נאָרמאַטיוון אידעאַל. במילא האָבן מיר מאַרגינאַלע דײַטשמעריזמען און די אימפּראָוויזירטע און בדרך־כּלל טעותדיקע נעאָלאָגיזמען בײַ אַזוינע פּיאָנירן ווי האַרקאַווי צי האָכבערג א״אַ געמוזט אָפּשיקן צו ממשותדיקערע, ייִדישערע און במילא קאָרעקטערע טערמינען. אויך פֿון די סתּם רוסיזמען אין טייל אַגראָנאָמישע און גערטנערישע האַנטביכלעך („פּאַכוטשי קאָלאָסאָק״) האָבן מיר אָפּגעשיקט צו לײַטישערע ברירות.

## ב) היקף, סכום און אַנדערע פּראָבלעמען

ס׳איז אונדז שוין אויסגעקומען אָנצווײַזן (שעכ 68:66), אַז אין איין ייִדיש באָטאַניק־ביכל (גילי) זענען פֿאַרצייכנט די נעמען פֿון 16 זגאַלן ווערבע און עטלעכע צענדליק אַנדערע ביימער און קשאַקעס. אין אַ צווייטן (פּרו־ש) – 53 נעמען פֿון ביימער און קשאַקעס. אין אַ דריטן (האָכבערג) – 24. אין פּלוג – גאָר קיין מעשׂה נישט, אָבער אין תּוך אַרײַן נישט גענוג. אין דער שטאָט ניו־יאָרק אַליין וואַקסן דאָך אַזאַ סך. (מיר רעדן דאָ, געוויינטלעך, נישט פֿון די באָטאַנישע גערטנער פֿון בראָנקס און ברוקלין מיט זייערע טויזנטער געוויקסן.) מיר דאַרפֿן פֿאַרפֿולן די לעקסישע בלויזן, אָבער ווי ווײַט גייט מען, חוץ פֿאַרצייכענען דאָס שוין פֿאַראַנענע טערמינענוואַרג? די גרענעץ־סלופּעס פֿון דער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע וואָלטן מיר מיינסטנס אַרײַנגעקלאַפּט בײַ די געמאַרקן פֿון די ייִדישע מאַסן־ישובֿים אין 20סטן י״ה. מיט אַנדערע ווערטער, מיר קענען זיך באַגיין אָן ייִדישע נעמען פֿון געוויקסן, וואָס זיי וואַקסן אין גרעסטן חלק אַפֿריקע (חוץ דער טעריטאָריע פֿון דער דרום־אַפֿריקאַנער רעפּובליק), פֿון עקוואַטאָריאַלן, טראָפּישן און סובטראָפּישן אַמעריקע (חוץ דעם דרום פֿון די פֿ״ש, קובע, מעקסיקע), פֿון כּמעט גאַנץ אַזיע, פֿון סאַמע צפֿון־ און דרום־אייראָפּע. מיר נייטיקן זיך אָבער אין ייִדישע טערמינען פֿאַר די ביימער און קשאַקעס פֿון מזרח־, צענטראַל־ און מערבֿ־אייראָפּע, פֿון ארץ־ישׂראל, פֿון צפֿון־אַמעריקע, פֿון מעקסיקע, די לאַ־פּלאַטאַ־לענדער, מיזרח־בראַזיל, דרום־אַפֿריקע, אויסטראַליע, בירעבידזשאַן און סאָוועטיש מיטל־אַזיע, וווּ צענדליקער טויזנטער ייִדיש־רעדנדיקע פּליטים האָבן געפֿונען אַ מקום־מיקלט אין דער

צווייטער וועלט־מלחמה.

אַ צווייטע קאַטעגאָריע, וואָס זי דאַרף אַרײַנגיין אין אונדזער טערמינאָלאָגיע: די סאַמע פֿאַרשמטע געוויקסן פֿון גאָר דער וועלט, אַלץ איינס ווו זיי וואַקסן. מע קען, למשל, נישט אין גאַנצן אויסן לאָזן די קויטשוקביימער, כאָטש זיי זענען נישט קיין תּושבֿים אין די ייִדישע מאַסן־ייִשובֿים.

אַ דריטע קאַטעגאָריע, וואָס מע טאָר זי נישט איגנאָרירן: די זגאַלן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, סײַ אין דער אָריגינעל ייִדיש־געשריבענער, סײַ די איבערגעזעצטע און באַאַרבעטע.

צווישן די כּלערליי פּראָבלעמען און פּראָבלעמעכלעך איז אפֿשר כּדאַי צו דערמאָנען דאָס לאַנגקייט פֿון טייל נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען. טייל קאָנטינענטאַלע לשונות (רוסיש, דײַטשיש א״אַ) ניצן פֿאַר אַ געוויקס־נאָמען אַ לאַנגע ווערטער־גרופּע: אַדיעקטיוו פּלוס סובסטאַנטיווישן צונויפֿהעפֿט. אַזוי האָבן זיך אויך נוהג געווען די איירעפּעיִשע ייִדישע לערנביכלעך פֿון באָטאַניק און ביאָלאָגיע. ענגליש, ווידער, איז יאָ סובֿל לאַנגע צונויפֿהעפֿטן פֿון צונויפֿהעפֿטן: Hairleaf Watercrowfoot Buttercup, אַ שטייגער, איז דער נאָמען פֿון איין געוויקס, נישט פֿון דרײַ! פֿאַרן הדיוט, וואָס פֿאַר אים וואָלט געגאָלטן אַ היפּאָטעטיש „אַלע געוויקסנאָמען האָבן איין פּנים" קען דאָס זײַן אַ מיכשול, אָבער קיין ברירה איז נישטאָ. נישט נאָר אין דער באָטאַניק טרעפֿט זיך דאָס. פֿאַראַן טויזנטער גאָר לאַנגע טערמינען אין דער טעכנאָלאָגיע (impregnated-tape metal-arc welding). „שטאָ קאַן עצה".

דורך געוויי פֿירן מיר אײַן אין דער ייִדישער באָטאַנישער טעמינאָלאָגיע עטלעכע עבֿרית־טערמינען, פֿאַר מינים און זגאַלן וואָס זענען ביז איצטער נישט געווען קיין חלק פֿון ייִדיש. מיר ברענגען זיי מיינסטנס לויטן נאַטוראַליזירטן אויסלייג – זיי זענען דאָך נישט קיין טראַדיציאָנעלע לשון־קודש־ווערטער, נאָר אין דער בחינה פֿון אַ לײַוואָרט. אַפֿילו אין עבֿרית זענען זיי דאָך נישט קיין ווערטערוואַרג, וואָס מע האָט איבערגענומען בירושה פֿון די פֿריִערדיקע דורות, נאָר נײַ־געשאַפֿענע צי נײַ־אײַנגעפֿירטע טערמינען – נײַ־אײַנגעפֿירטע אָדער דורך אַ שינוי־ניכּר (דעם ליטײַנישן us/um... געביטן אויפֿן העברעיִשן ...ון), אָדער דורך אַ קאַלקע. נאָר ווו דער עבֿריתישער שרײַב־אופֿן איז נישט קיין מיכשול בײַם לייענען, לאָזן מיר אים (אַחילוף, אַ שטייגער).

אַ מיכשול איז געווען דער טעמאַטישער היקף: דאָס אָפּהיטן די גרענעץ צווישן באָטאַניק, האָרטיקולטור, אַגריקולטור און געוויקסן־עקאָנאָמיק (פֿיטאָעקאָנאָמיק). די שייכדיקע ייִדישע האַנטביכלעך האָבן אַ סך מאָל, בשוגג צי במזיד, נישט אָפּגעהיט די מחיצה. מיר האָבן זיך אין געוויי נוהג געווען אַזוי: ווען סע קומט צו טאַקסאָנאָמיע, האָבן מיר מסיג־גבֿול געווען – אַרײַנגענומען גאָרטן־סאָרטן פֿון אויפּס און גאָרטנוואַרג. אויף אַנדערע גרענעצן האָבן מיר יאָ מקפּיד געווען.

דער סכום טערמינען? ווען דער בעל־מחבר פֿון געוויי האָט זיך גענומען צום ענין ייִדישע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע, האָט ער נישט געהאַט קיין השׂגה, ווי ווײַט ער וועט בעל־כּרחו גיין. ס'איז אים אָבער שפּעטער געוואָרן קלאָר (שעכ 69:1966), אַז נאָר אַ קליינער חלק פֿון די העט איבער 300,000 געוויקסן, וואָס באָטאַניקערס האָבן שוין אָפּגעמשלט און קלאַסירט, דאַרף אַרײַן אין דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. פֿונדעסטוועגן, נאָכן אָפּאַרבעטן 37 יאָר אויף דעם פֿעלד (אַקוראַט: זינט 1960) האָט זיך באַקומען אַ סך־הכּל פֿון 4288 רעקאָמענדירטע נעמען פֿון משפּחות, מינים, זגאַלן און אונטערזגאַלן וואָס אינעם

דרײַשפּראַכיקן ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל אין געווי. אינעם מקורים־ווײַזער, מיט זײַן מער דעסקריפּטיוון, נישט־איבערקלײַבערישן צוגאַנג, זענען פֿאַרצייכנט אַ סך, אַ סך מיין. אויב מע רעכנט אַרײַן די כּלערליי סינאָנימען און וואַריאַנטן (בעיקר שרײַב־וואַריאַנטן; די אַרויסרעד־וואַריאַנטן האָבן מיר בדרך־כּלל איגנאָרירט), די אַרכאַיִזמען, דײַטשמעריזמען, אַנגליציזמען, שפּאַניזמען, די נישט־טעכנישע פֿוללדיקע טערמינען, די פּאָעטישע פֿורעמונגען וכדומה, באַקומט זיך אַ סך־הכּל פֿון אַ 8־10 טויזנט איינסן. רעקאָמענדירן ווי נאָרמירטע טערמינען רעקאָמענדירן מיר אָבער, ווי געזאָגט, „נאָר" די 4288 וואָס אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל, פּלוס די עטלעכע הונדערט, וואָס קומען צו, אויב מע באַניצט זיך מיטן זוכצעטל פֿון פּרט־נעמען.

אויך גרײַזן אין די אויסגעניצטע מקורים איז נישט קיין שפּעטנע קלייניקייט. מיט טייל טעותן אין די כּלערליי מקורים איז פֿון מאָל צו מאָל נישט גרינג געווען זיך צו ספּראַווען. אויב נאָר אַן ענין פֿון אויסלייג, האָבן מיר טייל מאָל מערניש פֿאַרריכט, דערהײַנטיקט: אויב דער גאַנצער טערמין איז געווען אַ דײַטשמערישער, האָבן מיר אים געלאָזט אומפֿאַרריכט.

פֿאַראַן פֿאַלן, ווו דער ייִדישער טערמין איז דער רעזולטאַט פֿון אַ טעות אין פּשט אָדער פֿון אַ נישט־דערלייענטקייט. אָט האָבן מיר אַ געוויקס מיט דרײַ נעמען: כאַבלאַסטקע, „טויבנקאָפּ" און „טויבנקעפּל"; זענען אָבער די לעצטע צוויי דער פּועל־יוצא פֿון אַ כּמעט קאָמישן טעות: אין דײַטשיש הייסט דאָס געוויקס Taubenkropf, האָט דער בעל־מחבר, וואָס ער האָט, אַ פּנים, דאָס וואָרט אײַנגעפּירט אין מאַמע־לשון, עס געלייענט "Traubenkopf" – אַ נישט־געשטויגענקייט. Kopf און Kropf זענען דאָך לגמרי אַנדערע זאַכן! האָבן מיר אינעם מקורים־ווײַזער אָפּגעשיקט פֿון „טויבנקאָפּ" און „טויבנקעפּל" צו כאַבלאַסטקע, און פּטור אַן עסק.

שיִע־מאָטל ליפּשיצעס אַ טעות אין פּשט האָבן מיר אָבער פֿון גרויס אָפּשײַ וועגן אויפֿגעהיט לדורות: ליפּשיץ־פּערילע. דער בעל־געווי גייט מיטן גאַנג, אַז ליפּשיצעס שפּראַך־חוש איז אַפֿילו בײַ אַ טעות־דורכרײַס באַגלייבטער, ראַיעלער, סאָלידער פֿונעם שפּראַך־חוש פֿון אַנדערע וואָס אָן אַ טעות אין פּשט...

גרינגער איז אונדז אויסגעקומען צו איגנאָרירן טעותים אין דער העברעיִשער טערמינאָלאָגיע. דער מגדיר צמחי ארץ ישראל ברענגט אַ געוויקס חבלבל איטלקי פֿאַר Convolvulus cantabrica, וואָס סע האָט נישט קיין שײַכות מיט איטאַליע, נײַערט מיט שפּאַניע. דער בעל־מחדש פֿונעם עבֿרית־טערמין האָט געקערט פֿלאָנטערן cantabrica מיט calabrica, האָבן מיר אין ייִדיש אויסגעגלײַכט דעם טעות אין פּשט: שפּאַניש שלענדערל.

מיר זענען בכּיוון געגאַן אויפֿן וועג נישט נאָר פֿון ייִדישיזירונג, נאָר אַפֿילו פֿון כּמו פֿאָלק־עטימאָלאָגיע: מאַלע־ביילע, דאָס מאַלווועלע (אין ליטײַניש איז עס אויך אַ דימינוטיוו), שאַנדרע־באַנדרע א"אַ.

אַפֿילו ווען גאַנץ געווי, נישט בלויז דער ערשטער באַנד, וועט האָבן דערזען די ליכטיקע שײַן, בלײַבט נאָך אַ דעזידעראַט, דהײַנו: די הערות צו געווי. כּאָטש אונדזערע מקורים זענען אויסגערעכנט אין מקורים־וועגווײַזער און אין דער ביבליאָגראַפֿיע, וואָלטן מיר זייער געוואָלט דערלעבן כאָטש צום טייל אָנצושרײַבן די מאָטיווירונג, פֿאַר וואָס אַזוי און נישט אַנדערש, פֿאַר וואָס האָבן מיר פֿון כּמה־וכּמה ברירות אויסגעקליבן דײַקע דעם סינאָנים צי וואַריאַנט, נישט קיין אַנדערן. אָבער דאָס איז שוין אַ גאָטזאַך, ס'נישט געווענדט אין אונדז.

סוף מעשׂה במחשבֿה תּחילה. מיר׳לן פֿאַרענדיקן די אַרײַנפֿיר־טיילן דורך אומקערן זיך צו דער קשיא וואָס בײַם סאַמע אָנהייב: צו וואָס האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט געווי? דערויף מוזן מיר ברענגען אַ ציטאַט פֿון שלום־עליכם (מאָטל פּייסי דעם חזנס, נ״י, 1920, ז׳ 129):

„דער פּראָשיק איז רויטלעך און צעריבן דין, ווי שמעקטאַביק. רופֿן רופֿט זיך עס ׳שעמעריצי׳.

– וואָס הייסט דאָס שעמעריצי? [פֿרעגט מאָטל זײַן ברודער עליע]

– טערקישער פֿעפֿער.

– וואָס הייסט דאָס טערקישער פֿעפֿער?

– איך וועל דיר געבן אַ ׳וואָס־הייסט־דאָס׳, וועסטו בײַ מיר עפּענען מיטן קאָפּ די טיר!״

צו וואָס דאָס משל? וואָס איז דער נימשל? מיר ווילן מע זאָל יאָ פֿרעגן וואָס שעמעריצע איז און וואָס – טערקישער פֿעפֿער, און וואָס הונדערטער אַנדערע געוויקסן. נישט נאָר פֿרעגן, נײַערט טאַקע אויך געפֿינען אין געווי דעם ענפֿער.

# V. סימבאָלן,
# קירצונגען, מקורים



באַוול-קוסט, זיין שאַכטעלע און דער זוים דאָס פּליערל.

## 1. סימבאָלן

: (נאָך אַ וואָקאַל) לאַנגער וואָקאַל (למשל: /A:/ איז דער לאַנגער וואָקאַל A)

// צווישן קאָסאַקעס קומט דער אַרויסרעד, אויב ער איז היפּש אַנדערש פֿונעם אָנגענומענעם שרײַב־אופֿן (אַ שטייגער: /וועגנעבקעס/ פֿאַר וועגגערקעס).

= גלײַכרעכטיק; סינאָנים, דובלעט. פֿונדעסטוועגן גיבן מיר אָפּ די בכורה דער פֿאָרמע וואָס אויף לינקס פֿונעם גלײַכצייכן.

! דער אויסרוף־צייכן פֿאַר אַ וואָרט איז אַ וואָרנדל וואָס סע ווײַזט נישט־רעקאָמענדירטקייט – דאָס וואָרט איז אַ דײַטשמעריזם, רוסיזם, אַנגליציזם, גלאַט אַ טעות.

׳ אַ ווערטיקאַל פּאַסיקל נאָך אַ וואָקאַל ווײַזט דעם אַקצענט, נאָך אַ קאָנסאָנאַנט – פּאַלאַטאַליקייט.

## 2. פֿרעמדשפּראַכיקע קירצונגען

B. = Belarussian
Fr. = French
G. = German
H. = Hungarian
h.v. = horticultural variety
P. = Polish
R. = Russian
Rum. = Rumanian
U. = Ukrainian

אָט די קירצונגען ניצן מיר נאָר בײַם אידענטיפֿיצירן קולטיווירטע וואַריעטעטן אָדער האַנדל־סאָרטן פֿון אויפּס, גאָרטנוואַרג און תּבֿואות. ווילד וואַקסנדיקע אָדער נאַטירלעך אַנטוויקלטע וואַריעטעטן, ווי אויך זגאַלן, מינים, משפּחות אאַז״וו אידענטיפֿיצירן מיר מיטן אינטערנאַציאָנאַל אָנגענומענעם (ליטײַניש־גרעקישן) טערמין. דעם פֿרעמדשפּראַכיקן מקור פֿון וואַריעטעט־נעמען גיבן מיר, אַגבֿ, אָן נישט כּדי אָנצוּווײַזן די עטימאָלאָגיע, נאָר פֿון אידענטיפֿיקאַציע וועגן.

## 3. אויסגעניצטע מקורים און זייערע קירצונגען

די רשימה דאָ ווײַטער ווײַזט די קירצונגען, וואָס מיר ניצן אינעם מקורים־ווײַזער. מיר האָבן זיך געפּלײַסט צו ניצן אַזוינע קירצונגען, אַז די געדרוקטע מקורים, וואָס זײ באַצייכענען, זאָלן זײַן אויסגעשטעלט לויטן אַלף־בית פֿון

זייערע בעל־מחברים אָדער פֿון די טיטלען – בײַ אַנאָנימע ווערק.

די מקורים בעל־פּה האָבן מיר אויסגעשטעלט לויטן אַלף־בית פֿונעם געבוירן־אָרט פֿונעם אינפֿאָרמאַטאָר.

ווערק איבערגעזעצטע פֿון אַנדערע לשונות פֿאַרצייכענען מיר לויטן אַלפֿאַבעטישן סדר נישט פֿון די נעמען פֿון די בעל־מחברים, נאָר פֿון די פֿאַרטײַטשערס אָדער רעדאַקטאָרן. ווערק אין נישט־ייִדישע לשונות זענען אויסגעשטעלט לויטן אַלף־בית־סדר פֿון זייערע קירצונגען אויף ייִדיש. נישט־ייִדיש־שפּראַכיקע ווערק, וואָס מיר האָבן באַניצט, אָבער וואָס מיר ציטירן זיי נישט אינעם מקורים־ווײַזער, גיבן מיר אין אַ פֿערטער רשימה: „אַנדערע מקורים".

מיר היטן אויף דעם אויסלייג פֿונעם אָריגינאַל בײַ נעמען פֿון פּעריאָדישע פּובליקאַציעס, ביכער און בעל־מחברים; מערנישט מיר שטעלן צו די דיאַקריטישע צייכנס. בײַ טיטלען פֿון אַרטיקלען, ווידער, סטאַנדאַרדיזירן מיר בכלל די אָרטאָגראַפֿיע. ס'איז דאָך אַ צער־בעלי־חיים אויפֿן צונויפֿשטעלער פֿון אַ ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע, אויפֿן רעדאַקטאָר, זעצער און קאָרעקטאָר פֿון אַזאַ טעקסט צו דאַרפֿן פֿון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, און אַ מאָל פֿון וואָרט צו וואָרט, אין זינען צו האָבן די אָרטאָגראַפֿישע אומאויסגעהאַלטנקייטן אין די קעפּלעך פֿון די כּלערליי ביבליאָגראַפֿישע מקורים.

# מקורים

| | |
|---|---|
| אַ | אַטלאַס (= שפּראַכוואַרג אויפֿגענומען אויף רעקאָרדירקעס פֿאַרן ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס דורך: י. גרין, מ. הערצאָג, מאיר־לייב וואָלף, אוריאל ווײַנרײַך, מרדכי שעכטער א״אַנד). |
| אָ״אָ | אָן אָרט פֿון דרוק. |
| אָאָ״י | אָן אָרט און יאָר פֿון דרוק. |
| אבק | אבק [= בערעזניאַק]. מלון אידי־עברי מלא. פּאַריז, אָ״י. |
| אַבר | אַבראַמאָוויטש, הירש. פֿאַרשווּנדענע געשטאַלטן: זכרונות און סילועטן. ב״א, 1958. |
| אַבראַ | אַבראַמזאָן, ש. געאָגראַפֿיע פֿון פּוילן (...). וואַרשע, 1920. |
| אַגר | „אַגריקולטור: ייִדישע טערמינאָלאָגיע״. טיפּאָסקריפּט אינעם אָרט־אַרכיוו אין ייִוואָ. |
| אַד | אַדיעקטיוו פֿונעם סובסטאַנטיוו ... (אַ שטייגער: רעטשענע – אַד רעטשקע). |
| אָ״ד | אָפּגעמשלט דאָרטן (אינעם אָנגעגעבענעם מקור). |
| אַדעס | אַדעס (אוקראַיִנע). אינפֿ׳: טויבע ווײַסמאַן. |
| אוז | אוזליאַן (לעם הומען, מינצקער געגנט). אינפֿ׳: מרים ווײַנטרויב, מ״נ: סאָלאָווייטשיק. |
| אוי א | אויערבאַך, אפֿרים. גילדענע שקיעה. ב״א, 1959. |
| אוי א וו | -------. ווײַסע שטאָט. נ״י, תשי״ג. |
| אוי א וואַר | -------. וואַר איז דער סטעפּ. ת״אָ, 1963. |
| אוי א ל | -------. לויטער איז דער אַלטער קוואַל. נ״י, 1940. |
| אוי א לע | -------. אַ לעבן צווישן טאָוולען. נ״י, 1968. |
| אוי ר | אויערבאַך, רחל. אין לאַנד ישׂראל: רעפּאָרטאַזשן, עסייען, דערציילונגען. ת״אָ, 1964. [זען אויך אָזי, דאָ ווייטער] |
| אווײַז | The Wise Garden Encyclopedia (...) ed. E.L.D. Seymour. New York, 1951. |
| אולי | אולינאָווער, מרים. דער באָבעס אוצר. וואַרשע, 1922. |
| אומ | (כמעט) אומעטומיק וואָרט, נישט כּדאַי צו ברענגען מראה־מקומות. |

| | |
|---|---|
| אונ | אונגעריש. |
| אונג | „אונגעריש ייִדיש" (= אויף דרום און מערבֿ פֿון די קאַרפּאַטן־בערג: אויבערלאַנד, זימבערגן, מאַרמעראָש, סלאָוואַקײַ, קאַרפּאַטן). |
| אונג א | אונגער, אַבֿרהם־פּנחס. מײַן שטעטעלע סטריקעוו. נ"י, 1957. |
| אונג מ | אונגער, מנשה. די חסידישע וועלט. נ"י, 1955. |
| אונט | אונטערן זוכוואָרט ... קען מען עס געפֿינען אינעם אָנגעוויזענעם ווערטערביכל. |
| אוסאָ | Усовский, Б.Н. Русско-английский сельско-хозяйственный словарь. Москва, 1960. |
| אוצ | אונ[ד]זער צײַט. נ"י, 1941־. |
| אוק | אוקראַיִניש. |
| אוקר | אוקראַיִנער ייִדיש. |
| אור | אור חדש. אַמסטערדאַם, 1671. [צ' פּריל, 27] |
| אוריִעוו | אוריִעוו (באַסאַראַביע). אינפֿ': אַדאַ קרוטאָנאָג, מ"נ: וואַסערשטײן. |
| אורע | Українська Радянска Энциклопедія. Київ, 1977-. |
| אַזוי | אַזוי לעבן מיר: דאָקומענטאַלע נאָוועלן, פֿאַרצײכענונגען, רעפּאָרטאַזשן. מאָסקווע, 1964. |
| אָזי | „מגלת אָזיעראַן: זכרונות און דאָקומענטן". געזאַמלט און געאָרדנט: רחל אויערבאַך, אין ספר אזיראן והסביבה. ירושלים־ת"א, 1959, שפּ' 401־495. |
| אַזש | אַלגעמײנער זשורנאַל. נ"י, 1970־. |
| א"י | ארץ־ישׂראלדיק ייִדיש. |
| אָ"י | אָן יאָר פֿון דרוק. |
| אַיאַ | אַיאַלטי, חנן. דער מאַן פֿון לע מיל. ת"אָ, 1974. |
| איג | איג, א. און מ. זהרי, נ. פּינברון. מגדיר לצמחי ארץ ישראל. ירושלים, תש"ח. |

איגנאַטאָוו, ב. זען פרו־ש.

**איד** — דער איד: אָרגאַן פון אומאָפּהענגיגען אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין אַמעריקע. נ"י, 1953־.

**איה** — איהעל (צפון־אונגערן). אינפ׳: שמואל־יצחק סאַמעט.

**איוו** — איוואַנאָוו, ג. געאָגראַפיע: עלעמענטאַרער קורס. ערשטער טייל, פערדע אויפלאַגע, קיִעוו, 1925.

**איוואָ** — איוואַנטשענקאָ, ט. „נייע קולטורן אויף די סאָציאַליסטישע פעלדער", באַה, II, 10 (נאָוו׳ 1933), 16־21.

**איוויע** — איוויע (ווילנער קאַנט). אינפ׳: חנה אַראָנסאָן, מ"נ: פעדער.

**איזב** — איזבאַן, ש. פאַמיליע קאַרפ. ב"א, 1949.

**איזב II** — ------. „דער תקיף", גק, 67 (1969), 69־90.

**איזמײַל** — איזמײַל (דרום־באַסאַראַביע). נג"פ.

**איזרא** — איזרא, ע. שיך און קאַלאָשן: פון וואָס און ווי אַזוי ווערן זיי אויסגעאַרבעט (...). קיִעוו, 1928.

**איזש** — איזשביץ (לעם וולאָצלאַוועק, צפון־מערב־פוילן). אינפ׳: נחום גימפל (מינכן).

**איט** — איט (וואָלין). אינפ׳: דבֿורה כהן.

**איטאַ** — איטאַליעניש.

**איטק** — איטקין, מ. „וועגן פרוכטן פון די אַמאָליקע ייִדישע סעדער", פאָרוו׳, 2/XII/1972.

**אײַב** — אײַבעלסאָן, פּאָול, רעד׳. ענגליש־אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך. נ"י, 1915.

**אײַז** — אײַזמאַן, נחום. „די שטאָט בײַ דער בירע", סה, 1972, נ׳ 9: 95־107.

**אײַזנמאַן** — צבֿי אײַזנמאַנס בריוו (5/II/68) צו מרדכי שעכטער וועגן ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע אין ישׂראל.

**אײַזע** — אײַזענשטיין, יעקבֿ. „אַרגענטינע", אין אַרג, 33־36.

**אײַנה** — אײַנהאָרן, דוד. מײַנע לידער. צווייטע אויפלאַגע, ווילנע, תרע"ג.

**איל** — אילין, מ. די ווײַסטעניש ווערט איבערגעבויט. קיִעוו־כאַרקעוו, 1935.

**אימ; אימ׳** — אימינוטיוו פון (אַ שטייגער: שוועמעלעך, אימ׳ שוואָם).

| | |
|---|---|
| אינט' | אינטערנאַציאָנאַל אָנגענומענער טערמין. |
| אינפֿ' | אינפֿאָרמאַטאָר(שע) וועגן דעם שײַכדיקן אָרט. |
| איס | לובסקי, ח. „איסרלינס ייִדיש", אין ייִפֿיל, 288–302. |
| איקאָר | באַריכט פֿון דער אַמעריקאַנער איקאָר־עקספּערטן־קאָמיסיע (...). נ"י, 1930. |
| איש | איש (מאָלדעווע, רומעניע). אינפֿ': שײַנדל וואַלמאַן, מ"נ: פֿישלער. |
| אַלב | אַלבערטאָן, מ. „אין טײַגע אַ שטיבל", סה, 1967, נ' 8:3–10. |
| אַלוו | 1־טער אַלווײַסרוסלענדישער צוזאַמענפֿאָר פֿון אידישע פּויערים (4־טער דעקאַבר, 1924). מינצק, אָ"ל. |
| אלון | אלון, עזריה. פרחי הר וגאי. ת"אָ, 1955. |
| אַלטמ | אַלטמאַן, משה. אויסגעוויילטע שריפֿטן. בוקאַרעשט, 1974. |
| אַלטמ 35 | ——. די ווינער קאַרעטע (...). בוקאַרעשט, 1935. |
| אַלטנ | אַלטנײַלאַנד: אילוסטרירטער חודש־זשורנאַל, געווידמעט ארץ־ישׂראל. וואַרשע, 1919–1925. |
| אַלט־ס | אַלט־סווענציאַן (לעם ווילנע). אינפֿ': פֿראַדע פֿרידקין, מ"נ: ליגומסקי. |
| אליאַש | אליאַש, י. „פֿאָרשריטן אין דער א"ידיקער לאַנווירטשאַפֿט", לאָנדוו, II, 10 (נאָוו' 1947), 4. |
| אָליע | אָליעווסקי, בוזי. „לידער וועגן די ערשטע", סה, 1972, נ' 9:44–46. |
| אָליצ ב | אָליצקי, ברוך. מײַן בלוט איז אויסגעמישט: לידער און געזאַנגען. נ"י, 1951. |
| אָליצ וו | אָליצקי, ל. וואָלינער ייִדן: ראָמאַן. ת"אָ, 1973. |
| אָליצ פֿ | ——. פֿון אײגענעם פֿעלדז. ת"אָ, 1964. |
| אָליצ 33 | ——. זון אַנטקעגן: דערציילונגען (...). וואַרשע, 1933. |
| אָליצקי | אָליצקי, מ. לידער פֿון פֿריִער און פֿון איצט. ת"אָ, 1980. |
| אַלמ | אַלמאַזאָוו, ש. צען יאָר ביראָ־בידזשאַן. נ"י, 1938. |
| אַלמ ייִ | אַלמאַנאַך ייִדיש. רעדאַקציע־קאָלעגיע: יעקבֿ פּאַט, מלך ראַוויטש, זײַנוול דיאַמאַנט. נ"י, 1961. |

| | |
|---|---|
| אָלע | אָלעסקאָ(וו) (אוקראַיִנע). אינפֿ': מירקע סאַפּיאַן, מ"נ: אַנבינדער. |
| אַלעקס | אַלעקסאַנדראָווע דעקי (צפֿון־מערבֿ־פּוילן). אינפֿ': דוד פּיעניעק. |
| אַלפֿ 22 | אַלפֿערסאָן, מרדכי. קאָלאָניע מאַאוריציאָ: דרײַסיק־יעהריגע יק"אַ קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. ב"א, 1922. |
| אַלפֿ 23 | -------. 30 יאָר אין אַרגענטינע: מעמואַרן פֿון אַ ייִדישן קאָלאָניסט. בערלין, 1923. |
| אַלפֿאַ | אַלפֿאַבעט, פֿ. „מאַטעריאַלן צו אַ אידיאָטיקאָן פֿון שטעטל פּיאָסק, לובלינער קרײַז", אין ייִפֿיל, 61–72. |
| אַמש | אַמשינעוו (וואַרשעווער געגנט). אינפֿ': בלומע גאָטעסמאַן, מ"נ: רינקעוויטש (חולון, ישׂראל). |
| אַנג | אַנגליציזם. |
| אַנט פּ | אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער פּראָזע אין פּוילן (...). צונויפֿגעשטעלט: י.־י. טרונק, אַהרן צייטלין. נ"י, 1946. |
| אָנכי | אָנכי, ז.־י. ר' אַבאַ און אַנדערע כּתבֿים. ב"א, 1953. |
| אַנשל לוי | מײַטליס, יעקבֿ י. מדרש לפּרקי אבות בײִדיש קמאית לאנשל לוי. יעקבֿ י. מײַטליס, רעד'. ירושלים, תשל"ט. |
| א"ס: | אויפֿן סמך פֿון אַ געוויסן מקור צי טערמין אין אַן אַנדער לשון (למשל: אַז מיטן דײַטשמעריש „יאָהאַניס־עפּל" איז געמיינט גן־עדן־עפּעלער, האָבן מיר געדרונגען א"ס: בר, דאָס הייסט אויפֿן סמך פֿון דער בראָקהאַוז־ענציקלאָפּעדיע). |
| אַסט | אַסטילע (וואָלין). אינפֿ': אַהרן בורלאַנט. |
| אָסטר | אָסטראָוצע (קעלצער קאַנט). אינפֿ': אליעזר קופּערמאַן; צווייטער אינפֿ': נב"פֿ. |
| אָסטר־מ | יזכּור־בוך פֿון דער ייִדישער קהילה אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק [= אָסטרעווע]. ת"אָ, 1960. |
| אָסטרע | אָסטרע (וואָלין). אינפֿ': הערשל ראַבינאָוויטש. |
| אָסטרעווע | אָסטרעווע (= אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק). אינפֿ': וועלוול קאַפּקאַ. |
| אַסיאַ | אַסיאַ. צווײַגן־ציטער. ת"אָ, 1972. |
| אָפּ | אָפּאַטאָשו, י. „פֿון מײַן לעקסיקאָן", ייִשפֿ, I (1941), 90–93, 118–120, 156–157, 183–185. |
| אָפּ א | ------. אין פּוילישע וועלדער. זעקסטע אויפֿלאַגע, וואַרשע, 1923. |

| | |
|---|---|
| אָפּ אַל | --------. אַליין: ראָמאַן. צווייטע אויפֿלאַגע, ווילנע, 1927. |
| אָפּ ט | --------. אַ טאָג אין רעגנסבורג. נ"י, 1933. |
| אָפּ יי | --------. ייִדן־לעגענדע און אַנדערע דערציילונגען. נ"י, 1951. |
| אָפּ ל | --------. לינטשערײַ און אַנדערע דערציילונגען. ווילנע, 1927. |
| אָפּ מ | --------. מענטשן און חיות. נ"י, 1938. |
| אָפּ פּ | --------. „50 יאָר ייִדישע ליטעראַטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן", ייִבל, XXXVIII (1954), 39־54. |
| אָפּ ר | --------. ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. זיבעטע אויפֿלאַגע, ווילנע, 1928. |
| אָפּמ' | אָפּמשלונג, נישט קיין אמתער טערמין (אַ שטייגער: קרומע ווערבע). |
| אפּש | אַפּשאַן, הערצל. בית ישׂראל - וויזשניצער רבי'ס הויף. סיגעט (רומעניע), 1939. |
| אקער | אַקערמאַן, העניך. כ'בין קיינמאָל נישט אַוועק פֿון דער היים. ת"אָ, 1962. |
| אקער מ | אַקערמאַן, מענדל. אויסגעלאָשענע שטערן. ב"א, 1960. |
| אקצ | דער אַקציזניק. זשיטאָמער, 1868. |
| אָקר | אָקרוטני, יוסף. טויבע טעריטאָריע. ב"א, 1973. |
| אָקר ס | --------. סוף קאַפּיטל. ב"א, 1956. |
| אַרבעט | דאָס בוך פֿון אַרבעט: צו דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע (...) אין ארץ־ישׂראל. ערשטער באַנד, קאָוונע, 1934. |
| אַרג | אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. סעלעקציאָנירט (...): שלמה סוסקאָוויטש. ב"א, 1944. |
| אַרג יי | אַרגענטינער ייִוואָ־שריפֿטן. ב"א, 1941־. |
| אָרט | באַריכט פֿון געגנט־קאָמיטעט פֿון דער געזעלשאַפֿט אויף צו פֿאַרשפּרייטן (...) לאַנדווירטשאַפֿט צווישן ייִדן („אָרט") אין ווילנע פֿאַרן 1921 יאָר. אָאָ"י. |
| אַרכ | אַרכאַיִזם; וואָרט פֿונעם ערשטן ליטעראַרישן ייִדיש. |
| אָרל | אָרלאַנד, ה. הרעבלייעס. צווייטע אויפֿלאַגע, כאַרקעוו, 1931. |

| | |
|---|---|
| אָרנ | אָרנשטיין, ישׂראל. הערונות ישׂראל. יאַס, 1893. |
| א"ש | אויפֿן שוועל [ט"ג]. נ"י, 1941־. |
| אַש | אַש, שלום. „אַ שטילער גאָרטן", ייִדקו, יאַנ'/פֿעב' 1980: 25־31. |
| אַש א"י | --. ארץ ישׂראל. נ"י, 1921. |
| אַש י | --. יוגענד: דערציילונגען. צווייטעס בוך, נ"י, 1917. |
| אַש קה | --. קידוש השם. נ"י, 1942. |
| אַשע | אַשענדאָרף, ישׂראל. לעצטע שריפֿטן. ב"א, 1958. |
| אָשע ה ג | אָשעראָוויטש, הירש. געזאַנג אין לאַבירינט: לידער און פּאָעמעס. ת"אָ, 1977. |
| אָשע ה ת | ---------. תנך־פּאָעמעס. ת"אָ, 1979. |
| אָשע מ | אָשעראָוויטש, מ. געשיכטעס פֿון מײַן לעבן. נ"י, 1945. |

| | |
|---|---|
| ב"א | בוענאָס־אײַרעס. |
| באַב | באַביצקי, אינדזש' יעקבֿ. ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַ־ווער וואָיעוואָדשאַפֿט. צווייטע אויפֿלאַגע, שטוטגאַרט, 1948. |
| באָדז | באָדזענעוו (לעם פלאָצק, צפֿון־פּוילן). אינפֿ': בינעם לעדערמאַן |
| באָדע | Bodenbender, Guillermo. "Nombres (...) de plantas argentinas (...)," Revista de la Universidad Nacional de Córdoba, 27 (marzo-avril 1940). |
| באַה | באַהערשן די טעכניק פֿון דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער פּראָדוקציע: חודש־זשורנאַל. כאַרקעוו, 1932־1934. |
| באַטער | באַטער (אונגערן). אינפֿ': שלמה־פֿײַוול ווײַס. |

| | |
|---|---|
| באָטש | באָטשאָן (מאָלדעווע). אינפֿ׳: אַנאַ (אַנוצאַ) שעכטער, מ״נ: ראָט. |
| באָלש | Большая советская энциклопедия. 30 тт. Москва, 1970–78. |
| באָמ | באָמזע, נחום. אַ חתונה אין האַרבסט: לידער. נ״י, 1949. |
| באָנ | באָניעד (דרום־אונגערן). אינפֿ׳: רײזל שוויד, מ״נ: דײַטש. |
| באַס | די אידישע לאַנדווירטשאַפֿט אין בעסאַראַביע (...) אין יאָר 1924. קעשענעוו, 1926. |
| באַסאַ | דאָס ייִדיש פֿון באַסאַראַביע (פּראָווינץ צווישן די טײַכן פּרוט און דניעסטער). |
| באַסין | אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע: אַנטאָלאָגיע. געזאַמלט און צונויפֿגעשטעלט: מ. באַסין. נ״י, 1940. |
| באַראָ | באַראָוויטש, אַגר׳ י.ש. ווי אַזוי צו פֿירן פֿעלד־ווירטשאַפֿט אינעם סטעפּ־געגנט פֿון אוקראַיִנע. מאָסקווע, 1927. |
| באַרב | באַרבעוויץ (בוקעווינע). אינפֿ׳: יצחק ווידמאַן. |
| באָרזש | באָרזשעווע (קאַרפּאַטן). אינפֿ׳: שײַנדל קליין. |
| באַרי | באַרישפּאָליע (לעם קיִעוו). אינפֿ׳: דאָבריש גאָרדאָן, מ״נ: אָקמאַן. |
| באָרנ | באָרנשטיין, י. דער מצבֿ פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח־גאַליציע. סעפּאַראַטל פֿון ווירטשאַפֿטלעך לעבן. אָא״י. |
| באַרק 59 | באַרקאַן, ח. מײַן שטעטל אונגען: פּאָעמע. פֿילאַדעלפֿיע, 1959. |
| באַרק 62 | -------. אויף פֿרעמדער ערד. ב״א, 1962. |
| באַש | באַשעוויס, יצחק. מײַן טאַטנ׳ס בית־דין־שטוב. נ״י, 1956. |
| באַש ק | -------. דער קנעכט. נ״י, 1967. |
| באַש ש | -------. דער שפּיגל און אַנדערע דערציילונגען. ירושלים־ת״א, 1975. |
| באַש שׂטן | -------. דער שׂטן פֿון גאָרײַ (...). נ״י, 1943. |
| באַשר | „באַשרײַבונג פֿון ירושלים פֿון צוויי אַלטע אַראַבישע שריפֿטשטעלער", קמ, 10 (1865), 150–153. |
| בבד | Bartnicka-Dąbrowska, Barbara. Polskie Ludowe Nazwy Grzybów. Wrocław–Warszawa–Kraków, 1964. |

| | |
|---|---|
| ב.ד. | ב.ד. „די וויכטיקסטע דערמאָנונגען אויף פּריילינג“, ייִלוו ב, V (1937), 15‏–16. |
| בה: | בהסכּם מיט אַ טערמין אין אַן אַנדער לשון צי אַן אַנדער מקור (למשל: בה:ליטײַ = בהסכּם מיטן ליטײַניש־גריעקישן אינטערנאַציאָנאַלן טערמין). |
| בוו | ביכערוועלט (...). וואַרשע, 1922־1924. |
| בויד | בויד (נאַוואַרעדקער קאַנט). אינפֿ': לייבע קלענער. |
| בוים | בוימוואָל, רחל. פֿון ליד צו ליד. ירושלים, 1977. |
| בוכ | בוכבינדער, יאָסל. „צווישן כוואַליעס“, סה, 1968, נ' 8:60־113. |
| בול | Bulas, Kazimierz et al. The Kościuszko Foundation Dictionary: English-Polish, Polish-English. Ninth printing, New York, 1983. |
| בולק | בולקין, אַבֿרהם. געאָגראַפֿיע פֿון אײראָפּע. ווילנע, 1925. |
| בולק II | ------. געאָגראַפֿיע פֿון די אויסעראייראָפּעיִשע לענדער (...). ווילנע, 1930. |
| בוק ב | באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע צונויפֿגעשטעלט פֿאַר די ייִדישע לערנביכלעך פֿונעם בוקאַרעשטער מלוכה־פֿאַרלאַג אין די 1950ער יאָרן. די מיטאַרבעטערס: הערטאַ דאָנענפֿעלד און י. קאַראַ (כּ״י צוגעשיקט פֿון י. קאַראַ, 1986). |
| בוק שר | בוקאַרעשטער שריפֿטן. בוקאַרעשט, 1978־. |
| בוקע | בוקעווינער ייִדיש. |
| בורגנ | סטאַלעק, ד. „מאַטעריאַלן צום בורגנלענדער ייִדיש“, פֿש, II (1928), 265–280. |
| בורט | בורטיאַנסקי, י. דאָס געוויקס און זײַנע נוצן פֿאַר די קאָמפּלעקס־טעמעס אינעם ייִנגערן קאָנצענטר. קיִעוו, 1929. |
| בור־קר | בורסוק, מאיר און נחום קריטשמאַר, רעד'. די קאָלאָניע נאַרסיס לעווען. ב״א, 1964. |
| בורש | בורשטיין, אַבֿיעזר. דערציילונגען אין לב אין די 1970ער יאָרן. |
| בורשט | בורשטין, מ. איבער די חורבֿות פֿון פּלוינע. ב״א, 1949. |
| בורשט מ | --------. בײַ די טײַכן פֿון מאַזאָוויע. וואַרשע, 1951. |
| ב.ז. | ב.ז. [= בערטאַ זאָנענפֿעלד]. „אַרויספֿירן די בינען אויף היידגעוויקסן (ווזשאַס)“, ייִלוו ב, II (1934), 86. |

| | |
|---|---|
| בזש | בזשעזשלינער [= ברעזשלינער] יזכור־בוך. א. אַלפּערין, נחום סומער, רעד'. נ"י־ישׂראל, 1961. |
| ביאַל | ביאַלאָסטאָצקי, ב.־י. פֿון ליד צו ליד. נ"י, 1958. |
| ביאַליסטאָק | ביאַליסטאָק (צפֿון־מיזרח־פּוילן, הײַנט: ר"פּ). אינפֿ': שׂרה באָרנ־שטיין, מ"נ: צפּת. |
| ביאַליק | ביאַליק, ח.־נ. „פֿון זײַן ליטעראַרישער ירושה", גק, I (1949), 10־19. |
| ביאַליק ש | ———. שירים (לידער און פּאָעמען). בערלין, 1922. |
| ביאַלע | גרויס־ביאַלע. אינפֿ': חנה לעווין, מ"נ: פּאַרשפּאַן; יעקבֿ־משה שנײַדמאַן. |
| ביב | ביבער, ישׂראל. אילוסטרירטער קאַטאַלאָג פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכן מוזיי (...). ווילנע, 1939. |
| ביב ז | ———. זאָאָלאָגיע: I טייל. אָנשדרהדיקע. ווילנע, 1939. |
| ביב פּ | ———. פּרילינג: נאַטורביכל (...). וואַרשע, 1936. |
| ביז | ביזבערג, פינחס. [בריוו פֿון אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניסטן אָפּגעדרוקט אין זײַן] „אויף די שפּורן פֿון ייִדישער אײַנאָרדענונג אין אַרגענטינע", אַרג יי, II (1942), 46־47; III (1945), 23־49. |
| ביז ד | ———. „דאָס דאָרף פֿון הייליקן אַגעלע", אין אַרג, 65־70. |
| ביכל | איין ביכל וואָס דרינין גיפֿינט זיך זאַכין ציקאָווי בעדערפֿטיגי אונ מיט נוץ (...). שקלאָוו, 1795. [ציטאַטן צוגעשיקט פֿון הרבֿ חיים ליבערמאַן] |
| ביל | בילמעס, לעאָן. אַמאָל איז געווען אַ שטעטל [אָלעקסאָוו]. ת"א, 1963. |
| בילסק | בילסק (דרום פֿון ביאַליסטאָק). אינפֿ': ליבע עלסאָן, מ"נ: אוזשיצקי. |
| בימקאָ | בימקאָ, פֿ. דאָס געוויין פֿון בלוט. נ"י, 1954. |
| בימקאָ דאָ | ———. „דאָ און דאָרטן", אין זאַמלבוך, י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, רעד'. נ"י, 7 (1948), 63־113. |
| בינ | בינטשע דיא צדקתטע (...). וואַרשע, 1883. |
| ביס | ביסקאָ, א. ל. מלון (מלא ושלם) זרגוני עברי. לאָנדאָן, תרע"ג. |
| ביקל | ביקל, שלמה. משפּחה אַרטשיק. ת"א, 1967. |

| | |
|---|---|
| ביקל דרײַ | ----. דרײַ ברידער זײַנען מיר געווען. נ"י, 1956. |
| ביר מ | בירנבוים, מאַרטין. לידער וועגן ליד. נ"י, 1981. |
| ביר ש 16 | Birnbaum, Salomo. Praktische Grammatik der Jiddischen Sprache (...). Wien-Leipzig, 1918 (2. Auflage: Hamburg, 1966). |
| ביר ש 32 | בירנבוים, ד"ר שלמה. ייִדיש ווערטער־ביכל (...). לאָדזש, ה'תּרצ"ב. |
| ביר ש 40 | Solomon A. Birnbaum. Yiddish Phrase Boook. London, 1940. |
| ביר ש 79 | S.A. Birnbaum. Yiddish: A Survey and a Grammar. Toronto and Buffalo: University of Toronto Press, 1979. |
| בירז | בירז (ליטע). אינפֿ': יצחק־אַהרן בערגער. |
| ביר־ק | בירנבוים, מ. און ד. קאַסעל. געאָגראַפֿיע: אַוסטראַליע, אַנטאַרקטיקע און אַפֿריקע. צווייטער טײל, וואַרשע, 1921. |
| ביר־ק ב | --------. כינא און מאַנדזשוריען, מאָנגאָליען, טיבעט, קאָרייע (...). וואַרשע, 1918. |
| בירש | בירשטײן, יאָסל. „זומער", גק, 103 (1980), 21־52. |
| בלאָ | Blomberry, Alec M. What Wildflower is That? Sydney-Auckland-London-New York, 1973. |
| בלאַכ | בלאַכאָווניע (דאָרף לעם טשענסטעכעוו, פּוילן). אינפֿ': פֿריידע בלום, מ"נ: בראָט. |
| בלום | בלום, שמואל. דער בוים פֿון לעבן: אַרײַנפֿיר אין דער זאָאָלאָגישער וויסנשאַפֿט (...). נ"י, 1931. |
| בלומע | בלומענטאַל, נחמן. צוריקבליקן [זכרונות פֿון באָרשטשעוו]. ת"אָ, 1973. |
| בל"י | דאָס וואָרט טרעפֿט זיך בלויז אין לשון־יחיד (סינגולאַרע־טאַנטום). אין די זעלטענע פֿאַלן, ווען דאָס וואָרט קומט אין לשון־רבים, איז עס טײַטש נישט 'עטלעכע, אַ סך', נאָר 'פֿאַרשײדענע מינים'. |
| בליץ | יקותיאל בן יצחקס תּנך־פֿאַרטײַטש. אַמסטערדאַם, 1676־1679. |
| בל"ר | דאָס וואָרט טרעפֿט זיך בלויז אין לשון־רבים (פּלוראַלע־טאַנטום). |
| בן־ג | בן־גוריון־בן־צבֿי, רעד'. יזכּור: צום אָנדענקען די געפֿאַלענע וועכטער און אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל. צווייטע פֿאַרגרעסערטע אױפֿלאַגע, נ"י, 1907. |
| בן־ג־ב | בן־גוריון, ד. און י. בן־צבֿי. ארץ־ישׂראל אין פֿערגאַנגענהייט און געגענוואַרט (...). נ"י, 1918. |

| | |
|---|---|
| בן־נון | Bin-Nun, Jechiel. Jiddisch und die deutschen Mundarten. Tübingen, 1973. |
| בעל | Беларуска-рускі слоўнік. Пад рэдакцыяй К.К. Крапівы. Масква, 1962. |
| בעלכ | בעלכאַטאָווסקי, ישׂראל. פֿון אַ לעבן וואָס איז נישטאָ מער. ת"אָ, 1973. |
| בעלכעטעוו | בעלכעטעוו (לאָדזשער קאַנט). אינפֿ': גוטשע האַוט, מננ"פֿ. |
| בעלץ | בעלץ (באַסאַראַביע). אינפֿ': ב. אָקס. |
| בעלק | בעלקינד, ישׂראל. די ערשטע שריט פֿון ישובֿ ארץ ישׂראל. נ"י, 1918. |
| בעם | Beem, H. Jerosche: Jiddische [האָלענדיש ייִדיש לויט:] spreekwoorden en zogswijzen uit het Nederlandse taal-gebied. 2e (...) druk, Assen, 1970. |
| בענדין | בענדין (דרום־מערבֿ־פּוילן). אינפֿ': נחום מעלניק. |
| בעראַ | Beranek, Franz-Josef. Die Jiddische Mundart Nordost-ungarns. Brünn-Leipzig, 1941. |
| בעראַ ס | -------. "Sprachgeographie des Jiddischen in der Slowa-kei", Sonderdruck (...) Phonetik, III, 1-2 (1949), 25-46. |
| בערג | [בערגמאַן, אַ.] . „בלומען", אין ייִפֿיל, 97. |
| בערג א | בערגעלסאָן, דוד. אַרום וואָקזאַל: ערצעהלונג. וואַרשע, 1909. |
| בערג ב | ---------. באַם דניעפּער. ערשטער באַנד, מאָסקווע, 1932; צווייטער באַנד, מאָסקווע, 1940. |
| בערג בי | ---------. בירעבידזשאַנער. מאָסקווע, 1934. |
| בערג־ק | --------- און עמ קאַזאַקעוויטש. בירָאָבידזשאַן. מאָסקווע, 1939. |
| בערד | [בערדיטשעווסקי, מיכה־יוסף] מיכה בן גריון. יודישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטען קרובֿ. (...) עם ולשון. בערלין, תרפּ"ד. |
| בערל | בערלינסקי, ש. אַ לעבן גייט אויף. וואַרשע, 1938. |
| בערמ | בערמאַן, י.־מ. מעבל־אַרבעט: האַנטבוך פֿאַר סטאָליאַרעס. וואַרשע, 1929. |
| בערנ | ייִדישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען. געזאַמלט (...) פֿון איגנאַץ בערנשטיין. וואַרשע, 1908. |

| | |
|---|---|
| בערנשטיין׳ס | נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע פֿאָלקס־ביכער<br>זען פֿרומק |
| בערעז | בערעזיטש (לעם ליבישיי, דרום פֿון פינצק). נב״פּ. |
| בערעק | בערעקסאַז (קאַרפּאַטן). אינפֿ׳: ישׂראל שוואַרץ. |
| בערק | בערקאָוויטש, י.־ד. מנחם־מענדל אין ארץ־ישׂראל. ת״אָ, 1973. |
| בערקמ | בערקמאַן, יונה. ווײַפּרײַד. ת״אָ, 1977. |
| ב.צ. | ב.צ. „אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן זעצן קאַרטאָפּל״, ייִלוו ב, IV (1936), 28–29. |
| בר | Der Grosse Brockhaus. Leipzig, 1928. |
| בראַט | בראַט, יצחק. אין היימישן שפּיגל: הומאָר און סאַטירע. ת״אָ, 1974. |
| בראָכעס | בראָכעס, ש. און ד. שאַפּיראָ. נאַטורוויסנשאַפֿט: פּראַקטישע אַרבעטן און מאַטעריאַלן (...) מינסק, 1927. |
| בר־אל | בר־אל, יוסף. מלון יידיש־עברית לשו״ת גדולי אשכנז: מאות י״ג־ט״ו. רמת־גן, תשל״ז. |
| בראַס | [ר׳ נחמן בראָסלעווער]. ספורי מעשׂיות. אָ״אָ, תקע״ה. |
| ברוין | ברוין, ה. דאָס פֿאַמיליען קאָך־בוך (...) ספּעציעל פֿאַר דער אידישער קיך. נ״י, 1928. |
| ברוס | ברוסילאָוו, ניסן. בײַ די טײַכן פֿון פּאַלעסיע. נ״י, 1953. |
| ברוס II | ---------. די שטילע ערד. נ״י, 1957. |
| ברוצ | ברוצקוס, פּראָפֿ׳ ב. די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח אייראָפּע. בערלין, 1926. |
| ברוק | ברוק, פּראָפֿ׳ ב. „די ספּעציאַליזירונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער ייִדישער אַווטאָנאָמער געגנט״, פֿאָרפּ, 2 (1936), 181–195. |
| בריקס | בריקס, ירחמיאל. די אַנטלויפֿערס פֿון גסיסה צום לעבן. נ״י, 1975. |
| ברכ מ | ספר ברכות מנחם (...). ווילנע, 1866. |
| ברע | ברעזן (מינצקער קאַנט). אינפֿ׳: כײַקע בערגער, מ״נ: קרײַנעס. |
| בש | בירעבידזשאַנער שטערן (...). בירעבידזשאַן, 1930–. |

| | |
|---|---|
| ג | גאָדינער, שמואל. זאַוועלער טראַקט. נ״י, 1950. |
| גאָוו | גאָוואָרע (וואַרשעווער געגנט, פּוילן). אינפֿ': נחמן טײַטלבוים. |
| גאָטל | גאָטלאָבער, אַבֿרהם־בער. דער גילגול. וואַרשע, 1896. |
| גאָטליב | גאָטליב, אינזש' י. „ווילדע קרײַטעכצער אין גאָרטן", ייִלוו ב, III, 5 (1935), 52. |
| גאַל | גאַליציאַנער ייִדיש. |
| גאַל 19 | גאָלאָמב, אַ. „נאַטור־לימוד אין דער ייִדישער פֿאָלקסשול", שול און לעבן: חודש־זשורנאַל (אָרגאַן פֿון ייִדישן דעמאָקראַטישן לערער־פֿאַרבאַנד. בילדונג־סעקציע בײַ דער „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1918–1920?) 5/4 (מאַרץ־אַפּריל 1919), 44. |
| גאַל 21 | -------. „בלעטערפֿאַל אין האַרבסט", גריני, 34 (אָקט' 1921), 552–556. |
| גאַל 22 | -------, פֿאַרט'. אַ.באָטש, געוויקסן, קיִעוו, 1919. (צווייטער איבערגעאַרבעטער דרוק: וואַרשע, 1922; דריטער דרוק אונטערן טיטל: אַ. גאָלאָמב, באָטאַניק, מעקסיקע, 1947.) |
| גאַל 22 ב | -------. דאָס לעבן פֿון אַ בוים. קיִעוו, 1922. |
| גאַל 23 | -------. וואַסער־געוויקסן: הילפֿס־ביכל צו באָטאַנישע עקסקורסיעס אויפֿן וואַסער. ווילנע, 1923. |
| גאַל 23 ב | -------. „י. גיליגיטש, אונדזער פֿלאָרע", בוו, II (1923), 99–100. |
| גאַל 26 | -------. פּראָגראַם פֿון נאַטור־לימוד [פּראָיעקט]. וואַרשע, 1926. |
| גאַל 38 | -------. „עטלעכע באַמערקונגען (...)", ייִפֿאָ, I (1938), 293. |
| גאַל 58 | -------. [„געוויקס, געוועקס, פֿלאַנץ"], ייִשפּ, XVIII (1958), 94. |
| גאַל 64 | -------. [„מין, אַרט"], ייִשפּ, XXIV (1964), 93. |
| גאָלד | גאָלד, בען. אין יענע טעג. נ״י, 1970. |
| גאָלדב | גאָלדבלאַט, דוד. אַלגעמיינע אילוסטרירטע ענציקלאָפּעדיע. 2 בב'. נ״י, 1920, 1923. |
| גאָלדוו | Goldwater, A. Citrus Fruits in Palestine (...). Jerusalem, 1972. |
| גאָלדווי | גאָלדווירט, בעלאַ. אין דער פֿרעמד. נ״י, 1954. |
| גאָלדענ | גאָלדענשטיין, חיים. „פּאַרע פֿון אַ קאַלטער מאַמעליגע", בוק שר, ב (1979), 14–23. |

| | |
|---|---|
| גאָלדענ II | ----------. „זיצן דרײַ ווײַבער", בוק שר, ג (1980), 41־55. |
| גאָלדענ III | ----------. צווײ נאָוועלעס מיט אַ שמיץ. בוקאַרעשט, 1977. |
| גאָלדש | גאָלדשטרײַך, חיים. „אין איינעם אַ טאָג", אין אַרג, 145־152. |
| ג־אַן | ג־אַן, י., פּאַרט׳. מאַמין־סיביריאַק, „אַ וואַלד־מעשׂהלע", גריני, 25 (מאַרץ 1921), 181־184. |
| גאַר | גאַרבער, חנא. מענטשן, פּלאַנצן און רפֿואות (אַלגעמיינע שטריכן). ב"א, 1945. |
| גאַרב | גאַרבער, לויס. „אַ ברוקלינער ייִד וועגן היימישע שוואָמען", פֿאָרווו, 15/XI/1972. |
| גאָר ע | גאָרדאָן, עליע. „די מאַמע פֿון די טראַקטאָריסטן", סה, 1962, נ׳ 2:83־93. |
| גאָר ע א | ------. „אונטער דער הייסער זון", בה, 1976, נ׳ 2:36־84. |
| גאָר ש | גאָרדאָן, שמועל. „ניט אויסגעטראַכט, ניט צוגעטראַכט", סה, 1976, נ׳ 9:61־99. |
| גאָרדין א | גאָרדין, אַ. דרײַסיק יאָר אין ליטע און פּוילן. ב"א, 1958. |
| גאָרדין י | גאָרדין, יעקבֿ. די יתומה: דראַמע. נ"י, 1911. |
| גאָרדין י III | ------. אַלע שריפֿטן. דריטער באַנד, נ"י, 1910. |
| גאָרדין י ג | ------. גאָט, מענטש און טײַוול. נ"י, 1911. |
| גאָרז | גאָרזשיץ (צענטראַל־גאַליציע). אינפֿ׳: רחל האַר. |
| גאָרין | גאָרין, ב. (י. גוידא). פֿערגעסענע ניגונים. ערשטער באַנד: יום־טובֿ׳דיגע ערצעהלונגען. נ"י, 1919. |
| גאָרש | גאָרשמאַן, ש. „כאַנקע", סה, 1962, נ׳ 1:61־63. |
| ג"ד | געוועזענער דימינוטיוו (/בעריקל/, למשל, ווערט אין גרויסע טיילן פֿון דרום־מ מער נישט געפֿילט ווי אַ דימ׳). |
| גובנ | גובניצקי, אַלעקסאַנדער. „אַ טאָג אין בראַטסק", סה, 1961, נ׳ 3:15־18. |
| גובנ II | ---------. „אויף די ברעגן פֿונעם קאַספּישן ים", סה, 1971, נ׳ 1:133־139. |
| גובנ III | ---------. „די באָבע נעסיע", סה, 1971, נ׳ 11:126־136. |

| | |
|---|---|
| גוואָ | גוואָזדאָפּקע (לעם קריוואָזער, אוקראַינע). אינפֿ': שײנדל פּאָליסאַר, מ"נ: גלעזערמאַן. |
| גווב | גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. רעד': יודל מאַרק (ב' I–III: און יודאַ אַ. יאָפֿע). ב' II–III, נ"י, 1961–1971; ב' IV, נ"י־ירושלים, 1980. |
| גור | גורין, משה. די גרינע בריק. ת"אָ, 1966. |
| גור II | ------. מיט זיבן איגן: לידער 1966–1971. ת"אָ, 1973. |
| גיל | גיליגיטש, י. אונדזער פֿלאָרע: געוויקסן־באַשטימער פֿון דער פּוילישער, ליטווישער און טײַלווײַז וואָלינער, גאַליצישער און לעט־לאַנדישער פֿלאָרע. ווילנע, 1923. |
| גינ | Gininger, Chaim. "Sainéan's Accomplishments in Yiddish Linguistics," Field of Yiddish, New York, I (1954), 147-178. |
| גינע | גינעווסקי, יעקבֿ. „טולפּאַנען (...)", סה, 1972, נ' 6:184–185. |
| גלאַזמ | גלאַזמאַן, ברוך. אין גאָלדענעם זומפּ. נ"י, 1940. |
| גלאַזמ א | --------. אַנטרונענע. נ"י, 1935. |
| גלאַזמ ס | --------. סטעפּ און ישובֿ: בילדער פֿון (...) די ייִדישע קאָלאָניעס (...). וואַרשע, 1928. |
| גלאַזע | גלאַזערמאַן, שמואל. „זיסיע גוי", אין אָרג, 169–182. |
| גלאַטש | גלאַטשטיין, יעקבֿ. ווען יאָש איז געפֿאָרן. נ"י, 1938. |
| גלאַטש ט | ---------. דעם טאַטנס שאָטן. נ"י, 1953. |
| גלאַטש י | ---------. יאָסל לאָקש פֿון כעלעם. נ"י, 1944. |
| גלאַטש ל | ---------. אַ ייִד פֿון לובלין. נ"י, 1966. |
| גלאַנצ | גלאַנץ, יעקבֿ. „אַ כּזית ערד", זאַמלן, 7 (1948), 5–62. |
| גלוי | גלויבערמאַן, נ. רעפֿוע־טעכנישער רוויוואַרג. כאַרקעוו־קיִעוו, 1931. |
| גליקל | זכרונות מרת גליקל האַמיל משנת ת"ז עד תע"ט. פֿראַנקפֿורט־מײַן, 1896. |
| געט | געטקעווויץ (לעם קילעמײַ, מיזרח־גאַליציע). אינפֿ': אַהרן היסלער. |
| געל | געלבאַרט, מיכל. פֿון משוררים־לעבן. נ"י, 1942. |
| ג"פּ | געוויקס און זײַן נוציקער פּראָדוקט (פֿרוכט, קאָרע, צוויט, |

וואָרצל) האָבן דעם זעלבן נאָמען.

גק | די גאָלדענע קייט: פּערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און געזעל־שאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. ת״א, 1949־.

גראַ מ | גראַדע, חיים. דער מאַמעס שבתים. שיקאַגע, 1955.

גראַ צ | ------. „צפֿת אין די בערג", גק, 50 (1964), 34־42.

גראַ צא | ------. צמח אַטלאַס (די ישיבֿה). צווייטער באַנד, לאָס־אַנדזשעלעס, 1968.

גראָד | גראָדזשיסק (לעם לידזשענסק, צענטראַל־גאַליציע). אינפֿ': מאיר זיסקינד.

גראָמפּ | גראָמפּ, מלך. „גאַסן־ און הויף־רעקלאַמע", פֿש, III (1929), 283–296.

גראָס | גראָס, נפֿתלי. אידן. נ״י, 1929.

גראָס II | ----, פֿאַרט'. די פֿינף מגילות. נ״י, 1936.

גראָסמ | גראָסמאַן, משה. שטויב און אייביקייט. ת״א, 1970.

גרוב | גרוביאַן, מאָטל. „אַ וואָך אין ביראָבידזשאַן", סה, 1968, נ' 1:119־124.

גרוב II | --------. „אויף דער סיבירער ערד", סה, 1965, נ' 3:12־10.

גרי | גרינבערג, אורי־צבֿי. מעפֿיסטאָ. וואַרשע, 1920.

גרייט | גרייט זיך צום שניט!: באַשטימונגען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון קאָלווירט־צענטער. מאָסקעווע־כאַרקעוו־מינצק, 1931.

גרינ | גרינבערג, ג., פֿאַרט'. יו. א. פֿיליפּטשענקאָ, פּאָפּולערע ביאָלאָגיע (...), מאָסקעווע, 1929.

גרינ II | --------. „ווילדע בעלי־חיים אין דער טײַגע פֿון דער ייִדיש־אַווטאָנאָמער געגנט", פֿאַרפֿ, 4־5 (1940), 120־144.

גריני | גרינינקע ביימעלעך: צוויי־וועכנטלעכער אילוסטרירטער קינדער־זשורנאַל. ווילנע, 1920־1939.

גרינע | „דאָס גרינע קעניגרײַך", אין די יודישע ביבליאָטעק. קראָקע, 1904, 84־93.

גרע | גרעקיש.

גרש | גרשוני, משה. „אַ שפּאַציר איבער דער חולה", גק, 21 (1955), 41־54.

ד דײַטשיש.

דאָבז דאָבזשינסקי, אינזש׳ ב. „אײניקע באַמערקונגען און דערמאָנונגען וועגן די פֿרילינג־אַרבעטן אין פֿעלד״, ייִלוו ב, II (1934), 23–24.

דאָבז II ———————. „באַמערקונגען וועגן אויסוואַל פֿון זריעה״, ייִלוו ב, VI (1938), 70–72.

דאָבז III ———————. „ווי זאָל מען זײען צוויי־שורהדיקע און פֿיר־שורהדיקע גערשטנס״, ייִלוו ב, VI (1938), 10–11.

דאָבז IV ———————. „„עטלעכע באַמערקונגען און פּראַקטישע אָנווײַזן בײַם אַנבוי פֿון קאַרטאָפֿל״, ייִלוו ב, II (1934), 34–35.

דאָבר דאָבראָליובאָוו־גיטמאַן. „די סאָרטן ווינטערווייץ פֿאַר די סטעפּישע ראַיאָנען״, באַה, II, 7 (יולי 1933), 16–18.

דאָברע דאָברעטוואָר (לעם לעמבעריק). אינפֿ׳: גיטל הילזנראַט, מ״נ: שוועמער.

דאַווי Давидов, Н.Н. Ботанический словарь: Русско-английско-немецко-французско-латинский. Москва, 1960.

דאַוויד דאַווידזאָהן, אליהו. דיא אײביגע מלחמה אין דער נאַטור (דאַרווי־ניזמוס). וואַרשע, 1897.

דאָלענע דאָלענע (סטאַניסלעווער וואָיעוואָדשאַפֿט). אינפֿ׳: שפּרינציע קרײַנער, מ״נ: רובין; טויבע קויפֿמאַן, מ״נ: יעקל.

דאָמבר דאָמברעווע (לעם טאָרנע, גאַליציע). אינפֿ׳: חנה גימפּל, מ״נ: מעצקער (מינכן).

דאַנילאָוו דאַנילאָוו, ס. אי. „טיפֿן פֿונעם געוויקסן־צודעק פֿון דער ייִדיש־אַווטאָנאָמער געגנט (בערעבידזשאַן)״. כּ״י פֿון די מאַטעריאַלן פֿונעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין ייִוואָ־אַרכיוו.

דאָרע דאָרע (מיזרח־גאַליציע). אינפֿ׳: מינגע־רײזע גיטלסאָן, מנב״פֿ.

דוב דובוי (פּינצקער קרײַז). אינפֿ׳: חיים קוזנעץ.

דוב־ב דובינסקי, מ. און ש. בריאַנסקי, פֿאַרט׳. וו. א. טעטיורעוו, נאַטורוויסנשאַפֿט: לערנבוך פֿאַר דער אָנפֿאַנג־שול. ערשטער טייל, דריטער לערניאָר. צווייטע, איבערגעאַרבעטע אויפֿלאַגע, כאַרקעוו־קיִעוו, 1934.

דווקא דווקא: דרײַ־חדשים־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק. ב״א, 1949–1982.

דזש האַמער־דזשאַקלין, שׂרה. שטאָט און שטעטל. ת״אָ, 1964.

ד"ט — דעסקריפּטיווער טערמין; נאָמען וואָס וואַקסט אַרויס פֿון פֿיזישע, געאָגראַפֿישע און אַנדערע כאַראַקטעריסטיקעס.

דטשמ — דײַטשמעריזם; וואָרט פֿון נײַ־הויכדײַטשן אָפּשטאַם, וואָס סע טויג נישט פֿאַר דער הײַנטיקער ייִדישער קולטורשפּראַך.

דיאַמ — דיאַמאַנט, זײַנוול. אויף אַלע ווינטן: נאָוועלן. נ"י, 1957.

דיב — דיבאָלד, ה.ה. „דאָס אויפֿהאַלטן קאַרטאָפֿל, פּיטער־בוריקעס און אַנדערע", באַה, II, 9 (סעפּט' 1933), 13־19.

דיבע — דיבעטשנע (לובלינער קאַנט). אינפֿ': לײזער ראָטער.

דײַטש — דײַטש, מאַטעס. צום נאָענטסטן שטערן – ייִדיש. ת"אָ, 1959.

דײַק — דײַקסעל, ש. אינדיאַנישע דערציילונגען. נ"י, 1957.

דײַשפּ — די ייִדישע שפּראַך: זשורנאַל פֿאַר פּראַקטיש ייִדיש שפּראַכוויסן. קיִעוו, 1927־1930.

דימ; דימ' — דימינוטיוו פֿון.

דיק — דיק, א. מ. ר' שמאַיע דער גוט יום טובֿ ביטטער. וואַרשע, 1860.

דיק ס — ---. דער סיום התורה. ווילנע, 1868.

דמשׂק — דמשׂק, שלמה. אין יענע יאָרן: פֿאַרצייכענונגען און בילדער פֿון מײַן היים־שטעטל ניעסוויזש. נ"י, 1950.

דעמב — דעמבלין, ב. אויף אייגענעם באַראָט: ראָמאַן. נ"י, 1961.

דערק — פֿאָלקסקאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג פֿון אוסס"ר. וויסנשאַפֿטלעך־מעטאָדישער סעקטער. אַ דערקלערוואָרט צו דער פּראָגראַם פֿון פֿאָליטעכנישן לימעד אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע. כאַרקעוו־קיִעוו, 1937.

דראַטש — דראַטשעניץ (בוקעווינע). אינפֿ': רעגינע ווײַנינגער, מנ"פֿ (שיקאַגע).

דראַטש 2 — דראַטשעניץ (בוקעווינע). אינפֿ': שיקו ווײַנינגער (שיקאַגע).

דראַפּ — דראַפּקין, ציליע. אין הייסן ווינט. נ"י, 1959.

דרו — דרום־אַפֿריקע: (...). יאָהאַנעסבורג, 1948־.

דרום — דרום־ייִדיש. נעמט אַרום: דרום־מיזרח־ייִדיש (אוקראַיִנע, באַסאַראַביע, בוקעווינע, מאָלדעווע און די סאַמע מיזרחדיקסטע טייל פֿון גאַליציע) און צענטראַל־ייִדיש (קאָנגרעס־פּוילן, די גרעסטע טייל פֿון גאַליציע, קאַרפּאַטן, סלאָוואַקײַ, אונגערן, זימבערגן און מאַרמעראָש).

| | |
|---|---|
| דרום־מ | דרום־מיזרח־ייִדיש. זפּ״פּ. |
| דריז | דריז, שיקע. די פּערטע סטרונע. מאָסקווע, 1969. |
| דרײַזין | Дрейзинъ, I. Полный русско-новоеврейскій словарь (...). Варшава, 1886. |
| ה | האָלענדיש. |
| האַג | האַגער, ברוך. אין גאולה־אומרו. ת״אָ, 1969. |
| האַהן | האַהן, אינזשי מ. „די קולטיווירונג פֿון טרוסקאַווקעס", ייִלוו ב, V (1937), 61־62. |
| האַכ | שמייל, אָטאָ. געוויקסן (באָטאַניק): די יסודות פֿון באַטורוויסנשאַפֿט פֿון ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. אין ייִדיש אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד. האָכבערג. מאָסקווע, 1920. |
| האַכ II | אין דער היים, אין שול, אין וואַלד, אין פֿעלד. ייִדיש: י.ה., אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד. האָכבערג. מאָסקווע־לענינגראַד, [1924]. |
| האָכמ | האָכמאַן, שושנה. „ייִדיש אינעם אַמאָליקן ירושלים", ייִשפּ, XXXVII (1978־1980), 29־34. |
| האָל | האָלמין (זימבערגן). אינפֿ': בײַלטשיו פֿוקס, מ״נ: טרויב. |
| האַלפּ | משה־לייב האַלפּערן. ערשטער באַנד, נ״י, 1934. |
| האַלפּ א | האַלפּערן, משה־לייב. אין ניו־יאָרק. נ״י, 1948. |
| האַלפּ ג | -------. די גאָלדענע פּאַווע. קליוולאַנד, אָ״י. |
| האָלצ | האָלצבערג, אסתּר. „פֿון די ליבע קינדער־יאָרן", דרו, נאָוו'/דעצ' 1978:13. |

| | |
|---|---|
| האַנ | [נתן־נטע האַנאָווערס לשון, לויט] מ. ווײַנרײַך, „די ייִדישע שפּראַכ־פֿאָרשונג אין 17טן י"ה", צײַט, III–II (1928), 689־732. |
| האָפּער | האָפּער, יחיאל. „די גרויסע", צוק, אָקט' 1971:354־360. |
| האָפּער ה | ------. אַ הויף אויף פּאָקאָרנע: שטייגער־ראָמאַן. ערשטער טייל, ת"אָ, 1959. |
| האָפּש | האָפּשטיין, דוד. געקליבענע ווערק. מאָסקווע, 1968. |
| האַראַ | דאָוויד־האַראַדאָק (מערבֿ־רײַסן). אינפֿ': פּר' גאַרבער־בערגמאַן, מ"נ: קאַצמאַן (מיאַמי־ביטש). |
| האָראָ ב | האָראָוויץ, בער. פֿון מײַן היים אין די בערג. II. ווונדערלעכע מעשׂיות. ווילנע, 1929. |
| האָראָ י | האָראָוויץ, יצחק. מײַן טאַטנס קרעטשמע. נ"י, 1953. |
| האָראָנ | האָראָנטשיק, שמעון. 1905: ראָמאַן. וואַרשע, 1929. |
| האָראָנ II | ---------. שטאַרקע מענטשן (נאָוועלן). וואַרשע, 1936. |
| האַרצ | האַרצמאַן, מאָטל. געזאַנג און שווערד. מאָסקווע, 1970. |
| האַרק | האַרקאַווי, אַלכּסנדר. ענגליש־ייִדישער ווערטערבוך. נ"י, דרוקרעכט 1891, הקדמה 1893. |
| האַרק II | -------. ייִדיש־ענגלישער ווערטערבוך. נ"י, 1898. |
| האַרק III | -------. געאָגראַפֿיע (...). ערשטער באַנד, נ"י, 1911. |
| האַרק III ב | -------. געאָגראַפֿיע (...). צווייטער באַנד, נ"י, 1911. |
| האַרק IV | -------. ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך. נ"י, 1925 (ווײַטערדיקע דרוקן: 1928, 1988). |
| הגדה | סדר הגדה של פסח. האַמבורג, תפּ"ח/1728. |
| הוט | Hutterer, C.J. "The Phonology of Budapest Yiddish," in Field of Yiddish, Second Collection, U. Weinreich, ed., The Hague, 1965:116-146. |
| הוי | הויכמאַן, ברוך. „קאָלאָניע פֿאַלמער־זשאַטיי", קאָלאָנ־ק, 660 (סעפּט' 1972), 8־9, 16. |
| הוי II | ------. „עקספּערימענטאַלע טשאַקרעס", קאָלאָנ־ק, 673 (נאָוו' 1973), 12־13. |
